STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01883

DER FOLK'S-REDNER

Moses Hirsch Rabinowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

פאָלק'ס־רעדנער

א זאמלונג פון רעדעס ביי פערשיעדענע אנגעלעגענהייטען
רעליגיעזע און וועכענטליכע

פון דעם בעריהמטען פאָלקס־רעדנער

הרב משה צבי ראַבינאָוויטץ

ארויסגעגעבען פון
ש. דרוקערמאַן, 50 קאַנעל סטריט
ניו־יאָרק — תרע"ב.

Copyright by S. Druckerman, 1912

אינהאַלט־פֿערצייכניס:

אַ רעדע פאַר תקיעות .... זייטע 3

אַ רעדע פאַר כל נדרי .... " 5

אַ רעדע פאַר חנוכה .... " 7

אַ רעדע פאַר פסח .... " 9

אַ רעדע פאַר שבועות .... " 11

אַ רעדע פאַר די „דריי וואָכען" .... " 13

אַ רעדע פאַר א בר מצוה .... " 15

אַ רעדע צו א תנאים .... " 17

אַ רעדע פאַר א חופה .... " 19

אַ רעדע צו א חופה .... " 20

אַ רעדע נאָך א חופה .... " 21

אַ רעדע צו א חתונה .... " 22

אַ רעדע צו א ברית .... " 24

אַ רעדע צו א זילבערנע האָכצייט .... " 26

אַ רעדע ביי גרינדען א תלמוד־תורה .... " 28

אַ רעדע ביי די ערעפנונג פון א לעהרע־אַנשטאַלט .... " 30

אַ רעדע פאַר א מושב זקנים .... " 31

אַ רעדע פאַר אצדקה־אַנשטאַלט .... " 33

אַ רעדע פאַר דעם 4טען דזשולאַי .... " 35

אַ הספד נאָך א רב .... " 37

הספד נאָך א אשה חשובה .... " 39

אַ רעדע ביי א מצבה שטעלען .... " 41

דער פאָלק'ס רעדנער.

אַ רעדע פאַר תקיעות.

עלטערע אידען געדענקען, וואס פיר א שרעק עס פלעגט פאַלען אויף יעדען אידען, ווען עס פלעגט קומען דער ראש־השנה מיט די תקיעות און תפלות. עס פלעגט מאכען א שרעקליכען איינדרוק אויפ'ן אידען שטעהענדיג אין שוהל, און הערענדיג די יללות און בכיות פון מענער און פרויען אין די ימים הנוראים. אָבער היינט, קיינער פיהלט מעהר קיין פחד, קיין שרעק, יעדער איז זיך גלייכגילטיג... די גמרא זאָגט: מלאכי השרות שואלים אצל הקב"ה: „מתי ראש השנה? מתי יום הכפורים?..." והקב"ה אומר להם: „אני ואתם נרד אל בית־דין שלמטה". דער געדאנקען דערפון איז, דאָס ביי יעצטיגע צייטען איז ניט קענטיג, אז עס איז ביי אידען ימים הנוראים, בדרך מליצה מיינט דאָס: די מלאכים פרעגען ביי גאָט: „ווען איז ר"ה? ווען איז יוהכ"פ?" און גאָט זאָגט: „איך מיט אייך ווערען גאר ביי די מענשען גע'משפט". זיי גלויבען יעצט ניט מעהר, דאָס היינט איז דער יום־הדין, דאס גאָט משפט די גאנצע וועלט, נאָר זיי משפט'ן גאָר אונז.

אמאָהל האָט מען שטארק געוויינט ביי „ונתנה תוקף". ווען מ'פלעגט זאָגען „ומי ימות" פלעגט מען שטארק ציטערען פאר דעם טויט, ווייל דאָס לעבען איז זעהר טהייער געווען. „מי במים ומי באש" זיינען געווען אויסער־געוועהנליכע סבות, וועלכע האָט געמוזט מאכען צו שרעקען יעדען מענשען, „ומי ינוע", צו פערלאָזען די היים און וואנדערען, — אמאָליגע צייט, ווען אלע מיטגליעדער פון די אידישע פאמיליע זיינען געווען פעראייניגט, — איז דאָס געווען שרעקליך, אָבער היינט איז דער „מי יחיה" ערגער פאר דעם „מי ימות", „מי במים ומי באש" זיינען מעשים בכל יום. ווי מענשען קומען אום דורך פייער און וואסער, „ומי ינוע" יעצט, ווען מיר זיינען צוריי־סענע גליעדער, צושפרייט און צוזעעט איבעראל... מיר וויינען מעהר ניט פון דעם, ווייל עס שרעקט אונז ניט מעהר!...

אָבער, מיינע פריינדע! דאָס בעדייטעט דער קול השופר. די תקיעות וועקען אונז: עורו ישנם מתרדמתכם! ווי לאנג נאָך וועט איהר פיהרען אזא טרויעריגען לעבען? שטעהט אויף! זעהט אייער ארט לעבען אויסצובעסערען, יאָגט זיך ניט אזוי צום טוידט, בעהיטע גאָט. האָוועט ניט אזוי פיעל, זייט ניט אזוי פערקויפט צום געלד־טייפעל! זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים וכתבנו בספר החיים למענך אלהים חיים, אזאַ ארט לעבען ווי עס פּאסט פאר דיר, גאָט, דער גאָט וואס פערלאנגט, מיר זאלען לעבען א ריכטיגען לעבען.

מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב?! דער מאן, וועלכער וויל פיהרען א ריכטיגען לעבען און געניסען גוטעס, מוז דאָס טהאָן: נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה, היט אָב דיין צונג פון ריידען בייזעס און זיי ניט פאלש. סור מרע ועשה טוב, אנטלויף פון שלעכטעס און טהו נור גוטעס; נעהמט אייך פאר אויף דעם נייעם יאָהר אויסצובעסערען אייערע מעשים. בקש שלום ורדפהו, זייט פעראייניגט, בעט גאָט איינער פאר דעם אנדערען, אז ער זאָל געבען א שנת חיים ושלום, א שנת פרנסה וכלכלה, שנה שיוליכנו קוממיות לארצנו. אמן!

אַ רעדע פאַר כל נדרי.

דער סדר הלילה איז אזוי: מען נעהמט ארוים די ספר תורה פון היכל, דאַן זאָגט דער חזן „כל נדרי“, נאָכהער פאנגט מען אן תפלת מעריב. אזוי ווי, בעהיטע גאָט, ווען עס ברעכט אויס חלילה א פייער ביי־נאַכט, ווען מען פערליערט ניט דעם פערשטאַנד, זעהט מען פריהער צו רעטען דאָס, וואס עס איז דאָס טהייערסטע, אזוי טהוען מיר אין אזא הייליגער נאַכט. דאָס ערשטע כאַפּען מיר זיך צו די תורה, וועלכע איז ביי אונז דאָס הייליגסטע, וואס שוין טויזענדער יאָהרען ווערען מיר צוליעב איהר פערפאָלגט, און קומען אום על קידוש השם. מיר האָבען פערגאָסען אונזער בלוט צוליעב איהר. דאַן נעהמען מיר זיך צו בעטען פאַר אונזערע פרויען און קינדער, ווייל די גמרא זאָגט: „בעוון נדרים מתים בניו ובנותיו של אדם“, „בעוון נדרים מתה אשתו של אדם“, דערפאַר זיינען מיר מבטל אלע נדרים ושבועות, אום אראָבצונעהמען פון זיך די פעראנטוואָרטליכקייט און רעטען אונזערע נאָהענטסטע. נאָכהער בעטען מיר פיר זיך זעלבסט, אין תפלת מעריב.

מיינע פריינדע! דער תלמוד דערצעהלט אין מסכת תענית, דאָס אמאָהל, אין די צייטען פון בית־המקדש פלעגען אונזערע טעכטער אום יום־כפור ארויסגעהן טאַנצען אין די וויינגערטנער פון ארץ־ישראל. מיט איין וואָרט, יום־כפור איז ניט געווען דאָס, וואס ער איז יעצט, ווייל דאמאָלסט איז אונז געווען זעהר גוט אויפ'ן הארצען — מיר האָבען געהאַט א שעהנע לאַנד, מיט א הייליגען טעמפּעל; א כהן גדול פלעגט טהאָן די עבודה, די וועלט האָט אונז רעספּעקטירט און אז עס פלעגט קומען דער טאָג, וואס גאָט פערגיט אונזערע זינד, איז דאָס געווען א שמחה. אבער יעצט, אז מען האָט פון אונז אזא תל געמאַכט: פערטריעבען אין פערשיעדענע לענדער, אונזערע פרנסות צוגענומען, ביז עס איז מקוים געוואָרען אויף אונז: „בנפשו יביא לחמו“, מיר דערטרינקען אונזערע נשמות אינ'ם ים פון סחר־מכר, און פערקויפען זיי זעהר ביליג — פאַר א שטיקעל ברויט, אידען זיינען געצוואונגען מחלל זיין שבת ויו"ט צוליעב פרנסה. אונזערע קינדער ווערען ערצויגען ניט אויף קיין אידישען באָדען. זיי זיינען פרעמד פון זייער רעליגיאָן, פון זייערע עלטערען און פון זייער פאָלק — מוז אזא טאָג פערוואַנדעלט ווערען אין געוויין, טרעהרען און טרויער...

מען דערצעהלט, דאָס אמאָהל איז געווען ביי עלטערען זייער א גע־ראָטענע, קלוגע קינד און זעהר א שעהנע. זי איז געווען דער שטאָלץ פון איהרע עלטערען. זי האָט געהאַט א זיידען אין א וייטער שטאָדט, וועלכער איז געווען זעהר רייך. אז ער פלעגט קומען אמאָל בעזוכען זיינע קינדער, איז

זיין הויפּט־פרייד געווען די געראָטענע אייניקעל, מיט איהר האָט ער גע־טשאָלצירט. ויהי היום, איז אָבגעשטאָרבען די מוטער פון דאָס קינד. דער פאָטער האָט געהייראַטה אן אנדער פרוי, און די שטיעף־מוטער איז געווען זעהר א שלעכטע. זי האָט די שעהנע קינד ניט געגעבען עסען אין דער צייט, פערנאכלעסיגט איהר, ניט געקליידעט און ניט געקאמט די שעהנע האָר, ביז זי האָט אויסגעזעהען ווי א ווילדע. די שטיף־מוטער פלעגט איהר אָפט געבען א קניפּ, א ריס. זי האָט איהר פערשאַפט אונערטרעגליכע ליידען. דער רייכער זיידע האָט דערפון ניט געוואוסט. אמאָל האָט ער דעפּעשירט, אז ער קומט זעהען, וואס טהוט זיין געראָטענע אייניקעל. די שלעכטע פרוי האָט געוואָלט אלעס פערגלעטען, האָט זי געבעטען דאָס קינד, זי זאל זיך לאָזען אויסקאמען, אנטהאָן א נייע קלייד, עס זאָל אויסזעהען שעהנער; אָבער דאָס קינד איז געווען זעהר קלוג, האָט זי איהר ערקלעהרט, אז זי וויל אזוי ערשיינען פיר איהר זיידען, אום ער זאל וויסען די ווארהייט. א שכנה האָט קוים ביי איהר גע'פּועל'ט, זי זאל זיך לאָזען פארקאמען און אָנטהאָן א נייע קלייד. אָבער — האָט זי געזאגט — וויינען, דאָס מוז איך, מיינע טרעהרען וועל איך ניט קענען בעהאלטען, ווייל ווען איך דערמאָהן זיך, וואס פון מיר איז געוואָרען, זינט איך בין א יתומה, וויינט זיך אליין...

מיינע פריינדע! מיר שטעהען יעצט אלע געקליידעט אין בגדי יום־טוב. אָבער וויינען ווינט זיך זעלבסט, אז מיר עראינערען זיך, וואס עס איז געוואָרען פון אונז. זאלען מיר אלע מתפּלל זיין, דאָס דער נייער יאָהר זאָל ברייגנען ישועות ונחמות אויפ'ן כלל ישראל, וואו נאָר אונזערע אונגליקליכע ברידער זיינען צוזעעט און צושפּרייט, ער זאָל אויך ברייגנען טרייסט אונזע־רע פעריאָמערטע הערצער, ער זאָל יעדערען פון אונז ברייגנען וואס איהם פעהלט, און אויסהיילען, וואס איהם טהוט וועה — מיט איין וואָרט, ער זאָל אונז ברייגנען א כתיבה וחתימה טובה. אמן!

א רעדע פאר חנוכה.

ווי איינפאך מיר פייערען דיעזען יום־טוב חנוכה! — אָהן הכנות, אָהן צערעמאָניעס. מיר האָבען ניט קיינע עקסטרא מאכלים לכבוד דיעזען יום־טוב, מיר קליידען זיך ניט אין בגדי יום־טוב, מיר צינדען נאָר אָן אַן איינפאכע ליכטעל, אום על הניסים צו זאגען, און דאָך איז ער דער שעהנסטער און ערהאבענסטער פייערטאָג פון אלע אידישע ימים־טובים. אלע אידישע ימים־טובים זיינען הייליג און ערהאבען, אָבער מיר קענען ניט שטאָלצירען מיט זיי, ווייל מיר זעלבסט האָבען גאר נישט געטהאָן, און מיט קיין זאך ניט בייגעהאָלפען זיי; זיי זיינען געגרינדעט נאָר אויף נסים און נפלאות. פסח איז זמן חרותנו, אָבער די פרייהייט אין עגיפטען האָבען מיר אליין ניט ער־וואָרבען. „בחוזק יד הוציאנו ה' ממצרים", מיט געוואלד האָט אונז גאָט פון דאָרטען ארויסגענומען. מיר זעלבסט האָבען בעסער געוואָלט פערבלייבען דאָרט אין שקלאפעריי, איידער קעמפפען פאר פרייהייט. אזוי זיינען אויך די בעגעבענהייטען פון אלע איבריגע ימים־טובים — מען האָט פאר אונז געארבייט, מען האָט פאר אונז געקעמפפט. מיר קענען אלזאָ ניט שטאָלצי־רען מיט זיי, ווי קיינער קען ניט שטאָלצירען מיט פרעמדע טהאטען און אויפטהועכצען. זאָגאר וועגען פורים דערצעהלט די מגילה, דאָס מיר האָבען נור געוויינט און געטרויערט, געשריען און געפאַסט, אָבער ניט געקעמפפט בעגעגען דעם שונא. חנוכה אבער איז דער איינציגער פייערטאָג, וואו מיר קענען די וועלט צייגען, דאס מיר האָבען געקעמפפט אמאָל מיט'ן שווערד אין האנד. מיט שטאָלץ קענען מיר אָנצייגען, אז דאָס אידישע פאָלק איז ניט אימער געוועזען א שוואכעס פאָלק. מיר האָבען פראָדוצירט אזוינע קריעגס־העלדען ווי די חשמונאים, יהודה המכבי מיט זיינע ברידער. נאָר הייטע האָבען מיר דעם שווערד אוועקגעלייגט, היינט קעמפפען מיר געגען אונזערע שונאים, לא בחיל ולא בכח כי אם ברוח, מיט גייסט, מיט תורה, מיט מאָראל. דערפאר האָבען אונזערע גרויסע חכמים געהייסען, דאָס חנוכה זאָל מען ניט פייערען מיט קיין אנדערע צערעמאָניעס, נאָר מיט דאָס ליכט אָנצינדען, צו צייגען די וועלט, דאָס מיר קעמפפען אויך הייטע פאר ליכט.

הנרות הללו אנחנו מדליקין, — אין רוסלאנד צינדען מיר אָן די ליכט פון בילדונג, פון השכלה, פון אויפקלעהרונג, אבער ואין לנו רשות להשתמש בהם, מיר האָבען דאָרט קיין רעכט זיך מיט דעם צו בענוצען. די שוהלען, גימנאזיעס און אוניווערסיטעטען זיינען פערשלאָסען פיר אונז. דאָס זעלבע איז אויך אין אנדערע מדינות.

אָבער מיר קעמפפען מיט ליכט, מיר קעמפפען פאר ליכט. מיט אונ־

זער אויפפיהרונג, מיט אונזער ליעבע צו בילדונג, אונזער ריינעם, זויבערען פאמיליען־לעבען, וועלען מיר מוזען אלע אונזערע געגנער בעזיעגען.

אונזער אַלטע היסטאָריע אַפּעלירט צו אונז אימער און אומעדום: „הדליקו את הנר!" צינדט אָן די הייליגע ליכט, צינדט אָן אן אנגענעהמע, ניט קיין פערבלענדעטע ליכט; א בעשיידענע ליכט, ניט קיין אינקוויזיציאָנס־פייער, נאָר דאָס קליינע חנוכה־לעמפעל. אָבער געדענקט, אז „ואין לנו רשות להשתמש בה", מ'טאָר עס ניט אָנצינדען צוליעב אייגענע נוצען, אום אויסצונוצען עס פאר זיך, אין וועלכע פאָרמען עס זאָל ניט זיין...

זאָל אין יעדער אידישער הויז אָנגעצונדען ווערען דאָס הייליגע פייער, האלט הייליג דעם אנדענקען פון די מאקאבעער. זאָל דער אלטער כהן מתתיהו מיט זיינע קינדער אונז ערמוטהיגען צו קעמפפען פאר ווארהייט דורך בעלייכטען די ווארהייט, צו קעמפפען פאר פרייהייט, דורך פערשטעהן און פערברייטערען דעם זינען פון פרייהייט; צו קעמפפען פאר דאָס אידישע פאָלק, דורך ערהויבען דעם נאָמען איד...

א רעדע פאַר פסח.

דער יאָהר איז איינגעטהיילט אין 4 צייטען: זומער, ווינטער, פריה־לינג און הערבסט. מיר אידען פייערען שלש רגלים, געגען דריי־יאָהרעס־צייטען: פסח — דער פריהלינגס־יום־טוב, שבועות — דער זומער יום־טוב און סוכות — דער הערבסט יום־טוב. ווינטער האָבען מיר ניט קיין פייער־טאָג, ווייל מיר, אידען, פייערען נור נאַטור יום־טובים, ווינטער איז די נאַטור טוידט...

דאָס איז אַלעס געווען אמאָל, ווען מיר זיינען געווען נאָהענט צו דער נאַטור. דאַן איז פסח געווען דער פייער־טאָג פון פריהלינג, חג האביב. אָבער ליידער הייטע ניט מעהר: יעצט איז דאָס א יום־טוב פון עסען מצה ומרור, פון א סדר מיט ארבע כסות און הגדה מיט א חד־גדיא...

עס איז מערקווירדיג! אין דער תורה איז קיין זאַך ניט אזוי פיעל מאָהל ווידערהאָלט ווי יציאת מצרים; ביי יעדער געלעגענהייט זאָגט אָן די תורה: „למען תזכר את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך“, אָדער „זכור את הודש האביב, כי בו יצאת ממצרים“. ביי יעדער וויכטיגער מצוה זאָגט ער, די סיבה איז יציאת מצרים: תפלין לייגען, כי בחוזק יד הוציאנו ה׳ ממצרים. שבת האַלטען הייליג, כי עבד היית במצרים ויפדך ה׳ משם. ביי ציצית זאָגט ער אני ה׳ אלהיכם אשר הוצאתי אתכם ממצרים. וואָרום וויע־דערהאָלט זיך דאָס אזוי פיעל מאָהל? מיר ווילען דאָס ערקלעהרען מיט א משל: א מאַן האָט פערלאָזען זיין היים, איז אוועק אין א וויטען לאַנד פיר געשעפטען. ער בענקט דאָרט צו זעהען וועמען פון זיין שטאָדט, מיט וועמען צו פערברייינגען, ביז ער האָט אָנגעטראָפען א לאַנדס־מאַן ניט נאָר פון איין שטאָדט, נאָר אויך זיינער א שכן, וועלכער וואוינט די אנדערע הויז פון זיינע. זיי פלעגען זיך יעדען טאָג צוזאַמענטרעפען און פערברייינגען, ריידען, אמוזירען זיך, ביז דער מאַן האָט ערהאַלטען א בריעף פון צו הויזע, דאָס דער שכן, וועלכער איז יעצט ניט צו הויזע איז געוואָרען א נשרף ר״ל, א העלישער פייער האָט פערניכטעט זיין הויז מיט זיין געשעפט, זיין פרוי איז טויט, זיינע קינדער זיינען אין האָספיטאַל, און מען בעט איהם אין בריעף, דאָס אויב ער וועט דעם שכן דאָרט זעהען, זאָל ער איהם ניט אָנזאָגען די טרויעריגע בשורה. מיט א פּאָר טעג שפּעטער קומט אריין דער שכן און זאָגט איהם, דאָס ער האָט ניט קיין ידיעה פון דער היים, און ער איז זעהר אומרוהיג, דארום מוז ער פאָהרען צוריק אהיים. דער מאַן וועלכער וויים, וואס ער וועט דאָרטען טרעפען, האָט זיך מיט איהם געזעגענט און האָט איהם אָנגעבעטען למע״ה ער זאָל אריינגעהן אין זיין הויז און אָבגעבען א גרוס פון איהם צו

זיין פאמיליע. דער שכן פערשפּרעכט איהם, אז ער וועט דאס טהאָן. דאַן זאָגט ער איהם אָן נאָך אמאָהל, למע"ה איהר זאלט ניט פערגעסען. ווען ער איז שוין אוועק פון איהם, האָט ער איהם נאָכגעשריען: ביטע, פערגעסט ניט דעם געָרוס! דער שכן האָט דאָס ניט געקענט פערשטעהן, וואצו ברויך ער איהם אזוי פיעל מאָהל בעטען וועגען געבען א געָרוס? איז דען ווענינ געווען איין מאָהל? אָבער ווען ער איז געקומען אהיים און ער האָט דערזעהען זיין אומגליק, דאַן האָט ער פערשטאַנען, דאָס דער מאַן האָט געוואוסט פריהער וועגען זיין בראָך, און מורא האָבענדיג, טאָמער וועט ער פון צרות פערגעסען דעם געָרוס אָבצוגעבען, דערפאר האָט ער איהם אזוי פיעל מאָל אָנגעזאָגט.

דאָס זעלבע איז מיט יציאת מצרים: גאָט האָט געוואוסט, דאס עס וועט קומען א צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט פערליערען איהר פרייהייט. א העלישער פייער וועט פערניכטען דאָס זעלבסטשטענדיגקייט פון אידישען נאציאָן. מיר וועלען געהן אין פרעמדע לענדער און אויסשטעהן פערשיעדענע צרות. קענען מיר דאָך פערגעסען וועגען יציאת מצרים. דערפאר האָט ער געזאָגט: „למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך" ביי יעדער געלעגענהייט געבעטען און דערמאָהנט פון יציאת מצרים. דעם „זמן חרותנו" למע"ש צו פייערען, אין וועלכע אומשטענדען מיר וועלען ניט זיין.

דער מדרש זאגט אויף השביעני במרורים הרווני לענה: „השביעני במרורים בלילי פסח, הרווני לענה בליל תשעה באב". דאָס הייסט, דארום האָט מען אונז געהייסען מאכען אַן אנדענקען עסען מרור אום פסח, ווייל מען האָט געזעהען פאָראויס, דאָס עס וועט זיין א תשעה באב.

נאָר מען מוז האָפען, דאָס מיר וועלען נאָך אמאָל פייערען דעם זמן חרותנו מיט אמת'ע פרייהייט אין אונזער אייגען לאנד, אויב מיר אליין וועלען נאָר שטרעבען דערצו מיט'ן אמת.

א רעדע פאַר שבועות.

„רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כולנה". דיזע מליצה פאסט פיר דיזען יום־טוב. אלע אידישע ימים־טובים זיינען היילינ, אָבער דער יום־טוב שבועות איז נאָך היילינער; אלע ימים־טובים זיינען קודש, שבועות איז קודש קדשים, ווייל עס איז זמן מתן תורתנו. פסח אדער סוכות דערצעהלען מיר אונזער געוועזענע גרויסקייט, זמן חרותנו אָדער זמן שמחתנו — אונזער פרייהייט האָבען מיר ניט מעהר, און אונזערע שמחות זיינען צושטערט געוואָרען. מיר זיינען גענליכען צו א פאַר פאָלק, וועלכע געפינט זיך אויף דער עלטער אין א מושב זקנים. אָרימע, אונגליקליכע, קראנקע. האָט זיי דער אויפזעהער געטראָפען אין א פריה־מאָרגען, ווי זיי האלטען זיך ביידע פאר די הענד און טאנצען. דער אויפזעהער האָט געמיינט, אז זיי זיינען חלילה פון זינען אראָפּ. ער האָט זיי געפרעגט: וואס בעדייט זייער שמחה? ווי פערוואונדערט איז ער געוואָרען, ווען זיי האָבען איהם ערקלעהרט, דאָס זיי פייערען הייטע זייער גאלדענע האָכצייט — מיט 50 יאָהר צוריק האָבען זיי אין דעם טאָג חתונה געהאט. דער אויפזעהער האָט ניט געוואוסט, צו ער זאָל וויינען אָדער לאַכען. סטייטש — האָט ער געטראַכט — א גאלדענע חתונה דארפען פייערען די רייכע, די זאטע, די גליקליכע, וועלכע האָבען אן אורזאַכע זיך צו פרעהען, אבער ניט איהר ארימע, אומגליקליכע זקנים. דאָס זעלבע זאָגט דער מקונן: „זכרה ירושלים ימי עניה ומרודיה כל מחמדיה אשר היה לה בימי קדם בנפול עמה ביד צר ואין עוזר לה ראוה צרים שחקו על משבתיה". אונזערע פיינד לאַכען ווען א איד אין רוסלאנד זעצט זיך צום סדר פסח, ער ווערט א מלך און זיין פרוי א מלכה, און ביידע זאגען זמן חרותנו. וואו איז זייער פרייהייט? ער עפענט די טהיר ברייט און זאָגט: „שפוך חמתך על הגוים". דאן קומט אריין קאצאפּ און לאָזט אויס זיין כעס צום אידען, מאכט א פאָגראָם כמנהג רוסיא. עס איז, אלזאָ, נאָר א נוסח פון אלטע צייטען, וועגען א זאך, וואס האָט אמאָל פאסירט, מיט פיעל יאָהרען צוריק.

שבועות איז זמן מתן תורתנו, און די תורה האָבען מיר ביז היינטיגען טאָג. רייכטהום איז ניט דאָס, וואס קען פערלאָרען ווערען אָדער אוועקגע־רויבט ווערען, ווי דוד המלך זאָגט: „ערוב עבדך לטוב אל יעשקוני זדים" — פערזיכער מיר מיט אזא זאך, וואס שלעכטע מענשען זאלען ניט אימשטאנד זיין ביי מיר אוועקצורויבען, דאָס איז — אונזער תורה. אלעס האָט מען פון אונז צוגענומען: אונזער לאַנד, אונזער רעגיערונג, אונזער פרייהייט, אָבער ניט אונזער תורה...

דער נייער דור קריטיקירט אונזער שבועות: „וואס פאר א שמחה

איז דאָס? מען האָט אונז געגעבען א תורה! וויפיעל צרות זיינען מיר אויסגע־שטאַנען און שטעהען אוים יעצט צוליעב די תורה? ווי מען זאגט אלס הלצה: „עולת תמיד העשויה בהר סיני", דער איד איז תמיד א קרבן עולה, צו פער־ברענען אויפ'ן מזבח פון ראסען־האס, זינד מיר זיינען געשטאַנען ביי דעם באַרג סיני". אָבער די ווארהייט איז, דאָס אונזער גאנצען עקזיסטענץ האָבען מיר צו פערדאנקען אונזער תורה. עץ חיים היא למחזיקים בה, פונקט ווי א שיף מיט אלע פאסאזשירען זיינען אונטערגעגאנגען, נור איינער האָט זיך גערעטעט, ווייל ער האָט זיך אנגעכאפט פאר א שווימענדען בוים און האָט עס ניט אָבגעלאזט, ביז עס האָט איהם געבראכט צו א ברעג. אזוי איז אויך מיט אונז — פיעלע פעלקער זיינען פאר דער צייט אונטערגעגאנגען: מצרים, אשור, בבל און רוים, פון וועלכע עס איז נור געבליעבען דער נאָמען אין דער היסטאָרי; מיר אידען אָבער האָען זיך די גאנצע צייט פעסט געהאלטען אן די תורה, דער עץ חיים, א בוים וואס רעטעט דאָס לעבען, למחזיקים בה, ווייל מיר האָבען איהר נישט אָבגעלאזט. פעסט האַלטען מיר זיך אָן איהר. דערפאר דארפען מיר פייערען דעם זמן מתן תורתנו און זאָגען מיט שטאָלץ אזוי ווי דער תלמוד דערצעהלט אז רב יוסף פלעגט שבועות זאָגען: „אי לאו האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא"; ווען ניט דער שבועות זיינען דאָך פאראַן פיעל פעלקער שטארקערע און מעכטיגערע, ווי מיר אידען, וואָס פאר א ווערטה וואָלטען מיר געהאט?

אָבער יעצט, די תורה מאכט אונז פאר אן עם סגולה מכל העמים. לאָמיר זיך פרעהען און האָפען, דאָס ענדליך וועט מען דאָס אנערקענען, און געבען אונז דעם געהעריגען רעספעקט, אויב ניט פאר אונזערע פערדיענסטען, איז אמווענינגסטען פאר'ן אויסהיטען דעם טהייערען וועלט־אוצר דורך די צייטען פון פינסטערנים און אונמענשליכע רדיפות פון אונזערע האסער. אמן!

א רעדע פאַר די „דריי וואָכען".

ווי שרעקליך איז דער טרויער, וואָס די בין־המצרים'דיגע דריי וואָכען פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, ברייגגען אונז!

דיעזע שרעקליכע טרויער־טעג בעגעגענען מיר גראדע אין דער צייט וועלכע איז גינסטיג פאר פרייד און פערגעניגען. ווען די גאנצע נאטור שטראהלט און שפריצט פון אלע זייטען מיט געגוס, פערגעניגען און אונבע־גרענצטע פרייד.

און א גרויסע בעדייטונג האָט דער טרויער, א גרויסען היסטאָרישען פּעקעל טראָגט ער אויף זיך, און ביטער איז דער פּעקעל, אזוי גיפטיג־ביטער, אז די פיעלע יאָהרען זיינען ניט אימשטאנד געווען איהם אויסצולופטערען...

אָט אין אזא שעהנע צייט, ווען אונזערע פאלקס־קרעפטען האָבען זיך צואוואקסען און פונאנדערגעצווייגט, ווען פרעהליכער געזאנג האָט זיך גע־טראָגען אין די גאסען פון ירושלים, גראדע דאן האָט זיך דער שונא ארייג־געריסען אין דעם אידישען לעבען, האָט אלעם צושטערט און צוטראמפּעלט, אלעם פערוויסט און פערניכטעט. די שטאָלצע זיהן און טעכטער פון ציון האָבען זייערע קעפּ אראָפּגעבויגען, ווי עס בויגען זיך איין די צווייגען פון די שטאָלצע גלייכגעוואקסענע פאלמען צווייגען אין צייט פון שטורם...

פון דאן אָן זעהען מיר אונזער היים, אונזערע פעלדער און וועלדער, אונזער כרמל און שרון, אונזער ירדן און כנרת — נאָר אין חלום, נאָר אין פאנטאזיע.

ווער איז אין דעם שולדיג? אויף וועמען ליעגט די פעראנטוואָרט־ליכקייט פאר אונזער אונטערגאנג? ליידער זיינען מיר אליין שולדיג, און אויף אונז זעלבסט ליעגט די פעראנטוואָרטליכקייט. פון אונז זעלבסט שטאמט אונ־זער אונטערגאנג, מיר אליין האָבען מיטגעהאָלפען אונזער פערניכטונג.

ווי אזוי?

גאנץ איינפאך:

איבער „שנאת חנם" האָבען מיר אונזער לאַנד פערלאָרען, דורך שטענדיגע צאנקערייען און אונאייניגקייט, האָבען מיר פערזעהען וואס אונז שטעהט פאר און ניט בעמערקט, וואס אויסער אונז, אדער ארום אונז, טהוט זיך.

ניט נאָר דארפען מיר אין די דריי וואָכען בעקלאָגען דעם פערלוסט

פון אונזער לאַנד, פון אונזער אמאָליגער זעלבסטשטענדיגקייט; נאָר אויך דעם פאַקט, וואס די אַלע צושטערענדע, זעלבסט־פערניכטענדע און חרוב־מאַכערישע זיטען עקזיסטירען נאָך ביי אונז אויך היינט. דער ברודער־קאַמפּף געהט נאָך אַן צווישען אונז עד־היום, און מאַכט אונז אונפעהיג ווען עס איז זעלבסטשטענדיג צו ווערען, אדער וועגען זעלבסטשטענדיגקייט צו טראַכטען.

די דריי־וואָכען, די בין־המצרים טעג, מעגען אונז אלס לעהרער דיע־נען און אלס וואהרנונג, אום מיר זאָלען אימער פאר זיך האלטען די אייביג טרויער־שאַפּענדע טראַגעדיע, וואס האָט זיך אין די טעג אָבגעשפּיעלט אין אונזער היים, די הויפּט־ראָלען, פון וועלכע מיר זעלבסט האָבען געשפּיעלט, דעקאָרירענדיג אונזער הייליגעם לאַנד מיט בלוט און פלאַמען, מיט רויך און פינסטערע וואָלקענס.

דאָס דערמאָהנענדיג זיך, קענען מיר נאָך בלייבען פערטויבט אום ניט צו הערען די בענקענדע שטימע פון אונזער לאַנד, וועלכע רופט אונז צו זיך? פארשטעלענדיג זיך די פאָלקס־טראַגעדיע, קענען מיר דען נאָך בלייבען בלינד, אום ניט צו זעהען ווי אלע, זאגאר קליינע און אונבעדייטענדע אין פאָליטישען זינן, נאַציאָנען ווידערלעבען און נעהמען געוויסע שטעלונגען אין די פעלקער־פאמיליע? — ניין, און טויזענד מאָל ניין! מיר קענען דאָס ניט טהאָן, און טאָרען דאָס ניט טהאָן. מיר קענען אויך מעהר ניט איבער־געבען אונזער גליק אין די הענד פון בעלי־טובה'ניקעס; מיר טאָרען זיך ניט בעגנוגענען מיט קינסטליכע ארבייט פון פערשיעדענאַרטיגע שתדלנים, וועלכע האָבען אין זינען, סוף כל סוף, נאָר זייערע אייגענע, אויב זאָגאר אונשולדיגע, נוצען...

יעדער פון אונז האָט ענערגיע וועניג, מיר אַלע צוזאמען און פער־ברידערט האָבען זעהר פיעל ענערגיע; יעדער פון אונז האָט א קליינעם רצון, ווי גרויס אָבער ווערט דער רצון וואס ווערט אויפגעזאמעלט פון אַ גאַנצע פאָלק?!

לאָמיר זיך פעראייניגען, פערברידערען; לאָמיר אַלע אוועקגעבען אונ־זער ענערגיע און רצון צו די פאלקס־פאָדערונגען, דאן וועט די וועלט זעהען ווי רייך מיר זיינען, ווי גרויס אונזערע אוצרות זיינען — און רייכטהום רעספעקטירט מען, פאר אוצרות האָט מען דרך ארץ... און ווי גרויס אונזערע שונאים זאלען ניט זיין, וועט אונז קיין מאַכט אין דער וועלט קענען פער־ניכטען און מיר וועלען אימער בלייבען דאָס אונבעזיעגטע פאָלק!

אַ רעדע פאַר אַ בר־מצוה.

ליעבע און האָכגעשעצטע אנוועזענדע!

עס איז אן אלטער, הייליגער מנהג ביי אידען, אז ווען א אינגעל ווערט אלט 13 יאָהר, ווערט ער בר מצוה, דאָס הייסט, ער ווערט ערקלעהרט אלס מאַן, ער ווערט ערקלעהרט אלס זעלבסט־שטענדיג, און מאָראַליש פעראנטוואָרטליך ניט נור פאַר יעדע זאַך, וואָס ער טהוט, זאָנדערן אויך פאַר יעדעס וואָרט, וואס ער זאָגט ארויס.

בר מצוה הייסט דער זוהן פון אידישע געבאָטע, דער זוהן פון אידישע בעפעהלע, דער זוהן פון אידישע געזעצע, א פאָלשטענדיגער מאַן, וועלכער נעהמט אויף זיך די הייליגע פפליכט אויסצופאָלגען און אויסצואיבען אלע געבאָטע, אלע בעפעהלע פון אונזער הייליגער לעהרע, פון אונזער הייליגער תורה.

בר מצוה הייסט אלזאָ ניט מעהר האנדלען, ווירקען, זאגען און רעדען, ווי אן אונוויסענדעס קינד, זאָנדערן ווי א מאַן, וועלכער וויים און קען זיינע פפליכטען געגען זיך אליין, געגען זיינע עלטערען, געגען זיינע פערוואנדטע און גוטע פריינד און געגען אלע אנדערע מענשען, געגען אלע אנדערע בירגער פון זיין לאַנד.

בר מצוה הייסט גאנץ גענוי זיך איבערלעגען, איידער מען טהוט עפּעס, אויב דאָס שטימט מיט די מצוות, מיט די הייליגע געבאָטע פון דער תורה. בר מצוה הייסט, איבערלעגען און איבערוועגען יעדעס וואָרט, אויב עס איז פאַסענד, אנשטענדיג, און אויב עס שטימט מיט אונזער הייליגע לעהרע.

איינס פון די הייליגסטע געבאָטע פון אונזער תורה איז: „האָלט עהרליך דיין פאָטער און דיין מוטער“, זיי האָבען זיך געזאָרגט פאַר דיר, ווען דו ביזט געוועזן קליין, שוואַך, אונבעהאָלפען, זיי האָבען געוואכט איבער דיר, ווען דו ביזט געוועזן קליין, זיי זיינען ניט דערשלאָפען נעכט, ווען דו ביזט קראנק געוועזן, זיי האָבען דיך פערזאָרגט מיט אלעם גוטען, האָבען דיך ערצויגען, זיי האָבען דיך געלערענט צו זיין א מענש און זיי האָבען געמאכט פון דיר א מענשען. דאָס לערנט אונזער הייליגע תורה און אלע פעלקער פון דער וועלט האָבען עס אָנגענומען.

איך פיהל דארום אלס מיין ערשטע, אלס מיין הייליגסטע פפליכט, יעצט אין דעם טאָג פון דיין בר־מצוה, יעצט אין דער געגענווארט פון אלע אנוועזענדע, פערוואנדטע, גוטע פריינד און גוטע בעקאנטע פון דיינע עלטערען, מקיים צו זיין דיעזע הייליגע געבאָט פון אונזער תורה און אויסצושפּרעכען דיין איניגסטען, הערצליכסטען דאנק דיינע ליעבע עלטערען, דיין גוטען פאָטער און דיין ליעבענדע מוטער, פאַר אלעם גוטע, וואס זיי האָבען

געטהאָן פאַר דיר ביז היינט, פאַר זייער געטרייער ליעבע, פאַר זייער ערגע־בענהייט, פאַר זייער זאָרגען פאַר דיר און פאַר אלעס, וואָס זיי האָבען געלי־טען דיר צוליעב. — יעצט, גוטע און ליעבע עלטערען, האָט ער נור ווערטער, מיט וואָס איך צו דאנקען, איך האָף אָבער, אז שפּעטער וועט ער אויך זיין אים שטאַנד אייך צו געבען בעסערע בעווייזע פון דאנקבארקייט.

איך וויים גאַנץ גוט, אז ער איז נאָך יונג אום צו זיין פאָלקאָם זעלבסטשטענדיג, און דארום בעט איך אייך, ליעבע עלטערען, פערלאָזט איהם ניט, פיהרט איהם נאָך ווייטער, לערנט איהם, ווייזט איהם דעם ריכ־טיגען וועג אין לעבען. איך וויים, אז ער האָט אייך פיעלע מאָל בעטריעבט, געקרענקט דערמיט, וואס ער האָט אייך ניט געפאָלגט. איהר האָט עס איהם פערציייהעט, ווייל ער איז נאָך געווען א קינד, ער איז נאָך ניט געווען בר מצוה, דער זוהן פון געבאָט און געזעץ, ער האָט נאָך ניט פערשטאַנען, וואס הייסט רעכט און וואָס הייסט אונרעכט. יעצט, ווען ער איז געוואָרען בר־מצוה, וויים ער שוין, וויפיעל ער איז אייך שולדיג און ווי ער דאַרף אייך פאָלגען און אויסהערען.

אונזער הייליגע תורה לערנט אונז ווייטער, אז מיר דארפען אָפּגעבען כבוד עלטערע מענשען. מיר דארפען אויפשטעהן, ווען אן עלטערער מענש קומט אריין צו אונז, מיר דארפען שווייגען, ווען אן עלטערער מענש רעדט, און מיר דארפען אויסהערען, וואס ער זאָגט, ווייל ער איז עלטער, ווייל ער וויים מעהר פון אונז, ווייל ער האָט מעהר ערפאַהרונג אין לעבען, ווייל ער קען בעסער די וועלט און וויים בעסער, וואס עס איז רעכט, און וואָס עס איז אונרעכט, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט.

אויך דיעזעס הייליגע געבאָט וועט ער מקיים זיין פון יעצט אָן, ווען ער איז געוואָרען בר מצוה. — ווערטהע און האָכגעשעצטע אנוועזענדע! איך וויים גאַנץ גוט, אז איהר זייט די גוטע פריינד פון זיינע עלטערען. נעהמט איהם אויף אין אייער מיטע, בעטראַכט איהם אלס אייער קינד, זייט זיינע פיהרער, זיינע וועג־ווייזער, זיינע לעהרער, די הויפּט־זאכע אָבער, זייט זיינע פריינד! זייט זיינע גוטע ענגעל אויף דעם שווערען וועג פון דעם לעבען.

איך דאַנק אייך פאַר אייער אנוועזענהייט און איך בעט צו גאָט פון אונזערע עלטערען, צו גאָט פון אונזערע אור־עלטערען אברהם, יצחק ויעקב, אז אלע היער אנוועזענדע זאָלען זיך נאָך פיעלע, פיעלע מאָהל צוזאמענקומען אויף פריינדליכע אונטערהאלטונגען אין פרייד, און גליק, און פערגעניגען. ליעבע עלטערען, איהר זאָלט שטאָלץ זיין מיט איהם און ער זאָל שטאָלץ זיין מיט אייך. אמן!

אַ רעדע צו אַ תנאים.

עס איז שוין אַ גאַנץ אַלטער מנהג ביי אידען צו מאַכען תנאים פאַר די חתונה. היינטיגע יונגע לייט האָבען דאָס אָבגעבראָכען. זיי זאָגען, דאָס עס איז נאָך פון די אַלטע באַרבאַרישע צייטען, ווען מען האָט אַ פרוי בע־טראַכט ווי אַ חפץ, וואָס מען קויפט, מען מאַכט פריהער אַ קאָנטראַקט, נאָכ־הער נעהמט מען טייטעל, אָבער די וואַרהייט איז, דאָס אין די גאַנץ אַלטע צייטען, האָט מען ביי אידען מעהר געשעצט אַ פרוי ווי יעצט. דער תלמוד זאָגט, דאָס מען מוז אַ פרוי ליעב האָבען און רעספּעקטירען מעהר ווי זיך אַליין. היינט טרעפט מען פיעלע מענער, וואָס גיעבען אָב זייערע פרויען דאַמען־רעכט, אָבער אין הארצען פעהלט זיי די וואַהרע ליעבע. דאָס איז איינע פון די פרוכט פון דער פאַלשער ציוויליזאַציאָן. מיר מוזען זיין אמת טריי, איבערגעגעבען צו אונזערע פרויען, מיר לאָכען אויך יעצט אָב פון די אַלטע אמאָליגע פאַנאַטישע יאָהרען, ווען עס איז ניט ערלויבט געווען, דאָס אַ חתן זאָל זאָגאָר זעהען זיין כלה פאַר די חתונה, נאָר די עלטערען פלעגען זיך משדך זיין מיט זייערע קינדער, דער אבי החתן פלעגט ברייגנען אהיים אַ שטיקעל לעקאָך און פלעגט זאָגען: „מזל טוב", מיין זוהן, דו ביזט אַ חתן געוואָרען! „סטייטש, — פלעגט אמאָהל אויסשרייען דער חתן — וואו איז מיין כלה? איך וועל דאָך דאַרפען פערברייגגען מיינע יאָהרען מיט איהר, וויל איך איהר אַ פריהער זעהען!" אָבער דער פאָטער פלעגט ענטפערען מיט כעס: „אויב דו וועסט זיין רוהיג, ניט פרעגען אזעלכע נאַרישע קשיות, וועל איך דיר מיטנעהמען צו דיין חתונה. אויב דו וועסט ניט רוהיג זיין, וועסטו צו דער חתונה אויך ניט זיין". אזוי ווערען מיט שפּאָט געשילדערט יענע נאַרישע צייטען. דער פאקט איז וואַהר, אָבער ער איז ניט געווען לפי רוח היהדות, ווייל אונזער תלמוד האָט געפּערדיגט אין געגענטהייל: „אסור לאדם לקדש אשה עד שיראנה", מען מוז איהר זעהען, מען מוז אויסגעפינען איהר כאַראַקטער, חתן־כלה מוזען זיך פאַר דער חתונה קענען לערנען. דאָס איז דער צוועק פון די תנאים.

מיינע פריינדע! לאָמיר האָפען, דאָס דאָ איז מקוים געוואָרען דער מצא מין את מינו. ווי מיר זעהען. איז דאָס זעהר אַ גלייכע בעשערטע פּאָר, דער חתן וועט קענען זאָגען מצא אשה מצא טוב. די כלה האָט געקראָגען אַ חתן, וועלכער וועט וויסען ווי צו שעצען און ליעבען איהר. וארשתיך לי לעולם — האָט דער נביא הושע געזאָגט — זאָל אייער באַנד זיין אַן עוויגע. זאָל אייער חתונה — אויף ווען איהר האָט איהר אָבגעלעגט — זיין בשעה מוצלחת, און טאָקע ווי מען האָט יעצט געלייענט אין די תנאים: „המגיד

מראשית אחרית". דער אַלמעכטיגער גאָט, וועלכער ווייס פריהער וואָס שפּעטער וועט זיין, הוא יתן שם טוב ושארית, לאלה דברי התנאים, ער זאָל זעהען, דאָס דיעזער קאָנטראַקט זאָל פערבלייבען אין קראַפט מיט גליק און גוטען מזל, ווי עס ווינשען אייך אלע אייערע פריינדע, וועלכע זיינען היער פערזאַמעלט. מזל טוב, מזל טוב!

א רעדע פאר א חופה.

האבגליקליכע פאאר!

ערלויבט מיר צו זאגען אייך איינינע ווערטער, בעפאר איהר ווערט פעראייניגט. איך האפ, זיי וועלען אייך צונוטץ קומען אין אייער געמיינזאמען לעבען, אין וועלכען איהר טרעט אריין יעצט אויף לאנגע יאהר.

דאס לעבען נאכ'ן הייראטה איז גאנץ אנדערש אלס דאס לעבען פון איינצעלשטעהענדע פערזאנען. די איינצעלשטעהענדע פערזאן איז עלענד, זאגאר ווען ביי עלטערען אין הויז, זאגאר ווען זי האט פיעל פריינד. — עס פעהלט א זעעלע, מיט וועמען צו טהיילען זיך ליידען און פריידען; עס פעהלט א זעעלע א מיטפיהלענדע, א מיטליידענדע און א מיטפריידענדע... דאס אלעס, וואס פריינדע קענען ניט געבען, געווינט מען אין די פערזאן, וועלכע מ'גיט דעם עהרען־אמט פון א לעבענס־בעגלייטער — דער מאן געווינט דאס בעקומענדיג א גוטע פרוי, און די פרוי — בעקומענדיג א גוטען מאן.

אבער אזוי ווי יעדע קאסטבארע זאך מוז געקויפט ווערען פאר א גע־וויסען פרייז, אזוי ווערט אויך דאס גליק פון פערהייראטהען לעבען געקויפט פאר א געוויסע פרייז, ד. ה. פפליכטען, אנערקענונג און איבערגעבענהיים. עס איז עטוואס שווערליך פון אנפאנג, אבער גאנץ שנעל ווערט עס אנגע־נעהם.

די פפליכטען בעשטעהען פון געגענזייטיגע טרייהייט, געגענזייטיגע אכטונג און געגענזייטיגע בעהרונג, וועלכע זיינען איינגעפריימט אין גע־דולדזאמקייט... דאס אלעס צוזאמענגענומען, הייסט אין העברעאיש — שלום. און פון טיעפען הארצען ווינש איך אייך יעצט, ווען איהר נעהט ארויף אויפ'ן וועג פונ'ם פערהייראטהען לעבען: „יאר ד' פניו אליכם וישם לכם שלום“ — נאט זאל מיט זיין אנוועזענהייט בעלייכטען אייער לעבענס־לאנגען וועג, און זאל אייך געבען, אין אלעם און אימער, שלום!

אַ רעדע צו אַ חופּה.

טהייערסטע ברויטפּאָאר !

מיט אייער אריינטרעטען אונטער די היילינע חופּה, גיט אָב אַ דאַנק דעם אַלמעכטיגען גאָט. דאַנקט איהם פאַר זיין אונענדליכע גנאַדע, דאַנקט איהם פאַר זיין אייביגע גוטסקייט, דאַנקט איהם פאַר דעם, וואס איהר האָט דערלעבט צו פייערען די הייליגסטע שטונדע אין׳ם לעבען, האָבענדיג ארום זיך אייערע פריינדע און פערוואַנדעטע, מיט פרעהליך־שטראַהלענדע געזיכטער און מיט גליקוואונש־אטהעמענדע הערצער.

בעט ביי גאָט, וואס איז אייך יעצט נעהענטער ווי אימער ; בעט ביי איהם אַ גליקליכע צוקונפט ! אַ צוקונפט, אין וועלכער אייער פרעהליכע שטימונג זאָל קיינמאָל ניט אויפהערען, קיין טרויער־וואָלקען זאָל ניט בעפלעקען דעם לויטערען הימעל פון אייער גליק... און צוזאַמען מיט די פיעלע גליקווינשונגען, וואס אייערע פריינד און פערוואַנדעטע ווינשען אייך, זאָל אויך מיין גליקוואונש צו אייך, קומען פאַר דעם גאָט, וועמענס גנאַדע עס איז אונענדליך און וועמענס גוטסקייט עס איז אונאויפהערליך.

גאָט זאָל אייך פערבינדען צום גליק און צו זעגען, צו מזל און ברכה : אייער הויז זאָל זיין צו מוסטער פאַר אלע אידישע הייזער מיט די אינערליכע און אויסערליכע צופריעדענהייט ; און אַ פריידע פאַר אלע היער פערזאַמעלטע — אייערע פריינדע און פערוואַנדעטע !

אַ רעדע נאָך אַ חופּה.

ערלויבט מיר, טהייערסטע ברויטפּאָאר, אייך אויפמערקזאם צו מאַכען אויף דאָס, וואס עס קומט יעצט מיט אייך פאָר, איך מיין — צו ערקלעהרען אייך די בעדייטונג פון דער חופּה, אונטער וועלכע איהר געפינט זיך יעצט:

„חופּה" — הייסט אין העברעאיש א „שוץ"; אַנ׳אמת׳ער שוץ איז אויך דאָס פאַמיליען־לעבען, אין וועלכען איהר טרעט יעצט אריין.

לא טוב היות האדם לבדו! — זעהר ניט גוט איז דאָס בחור׳שע אָדער מיידעלשע לעבען. דאָס איז איין ארט עלענד זיין אונטער דעם פרייען הימעל, וואו עס וואנדערען ארום פערשיעדענע געפאַהרען און טרעפען דעם עלענדען... עלענד איז מען זאָגאַר, ווען מ׳האָט דאָס גליק צו פערברייגען די יוגענדיאָהרען אין די עלטערנ׳ס הויז; פיעל עלענדער אָבער פיהלט זיך דער, וועלכער האָט ניט געהאט די מעגליכקייט מיט זיינע עלטערען צו וואוינען צוזאמען. עס איז גוט צו האָבען גוטע פריינד, דאָס אָבער איז נאָך ניט אלעס אין לעבען — יעדער מענש מוז האָבען איין אמת׳ען, אימער איבערגעגעבענעם אונענדליכען און אונבעגרענעצטען פריינד. ניט האָבענדיג איהם, פעהלט דעם מענשען די רוהע, די אינערליכע פריידע, דער שיין פון לעבען און די מזל־ברכה, וועלכע נאָר דאָס פאמיליען־לעבען בעזיצט.

די חופּה רופט אייך צו געניסען דאָס פאַמיליען־לעבען, זי ברייגגט אייך די רוהע, דאָס ליכט און פערגניגען אינ׳ם נייעם לעבען, וואס פאנגט ביי אייך יעצט אָן.

און ווען איהר האָט שוין דאָס פאַמיליען־לעבען, ווי דארפט איהר זיך בעגעהן? — דאָס לערנט אייך די צערעמאָניע פון די חופּה:

מ׳האָט אייך געשטעלט איינעם נעבען צווייטען. דאָס איז א וואונק, אז פון היינט אָן ווערט איהר איין פּערזאָן. יעדער איינער פון אייך מוז פערלאָזען זיינע ביז יעצט געאיבטע מיינונגען און געוואָהנהייטען, וועלכע קענען שאַדען דעם „איינהייט" אייערען, אייער פעראייניגונג. די חופּה מאַכט אייך ביידען פאר „איינס", אַלזאָ מוזט איהר פון יעצט אָן האָבען איין גייסט, איין וואונש און איין ווילען. און אזוי ווי א מענש קען מיט זיך אליין ניט לעבען אין ווידערשפּרוך, אזוי זאל קיין ווידערשפּרוך זיין צווישען אייך ביידען.

דערמיט וועט איהר אימער רום מאַכען אין אייער הויז פאר צוויי גוטע געסט — פריידען און גליק — וועלכע געהען אימער צוזאַמען. און מיר אַלע דאָ פערזאַמעלטע ווילען אייך אימער זעהען צופריעדענע, איינער צום צווייטען איבערגעבענע און גליקליכע.

א רעדע צו א חתונה.

חתן און כלה! אלס אינטעליגענטע מענשען פערשטעהט איהר געוויס די וויכטיגקייט פון דיעזען מאָמענט. איהר בעגרייפט זיכער די הייליגקייט פון דעם יום־החופה. אויב יום־כפור איז ביי פרומע אידען הייליג און טהייער, וואס איז נאָר אחת בשנה, איין טאָג אין יעדען יאָהר, היינט וויפיעל דאַרף מען בעטען ביי גאָט ביום החתונה, וועלכער איז איינמאָל אין מענשען׳ס לעבען?! איהר האָט זיך פעראייניגט ביידע דורכצוגעהן אייער לעבען אין לייד און פרייד! אויב איהר ווילט לעבען ביידע גליקליך, און דאָס ווילט איהר דאָך געוויס, ווען ניט וואָלט איהר דאָך ניט הייראטהען, איז דאָס אָב־הענגיג אָן אייך אליין. דער תלמוד זאָגט טאַקע, דאָס בני, חיי, ומזוני לאו בזכותא תליא מלתא אלא במזלא, אלעס וואס א מענש ווינשט זיך און פערלאַנגט צו האָבען איז אבהענגיג נור אן מזל, אָבער א נאַרישער מענש קען אמאָל זיין מזל אליין איבערפיהרען בידים.

דער הויפּט גליק בעשטעהט אין הארמאָני, אחדות ביי מאַן און פרוי. דער מאַן מוז ליעבען און אכטען זיין פרוי, ווי דער תלמוד דריקט זיך אויס: ליעב דיין פרוי ווי זיך זעלבסט, און שעטץ איהר מעהר ווי זיך אליין. אויך די פרוי מיט איהר פערשטאַנד איז אימשטאַנד צו בויען איהר גליק, און מיט איהר נאַרישקייט קען זי איהר גליק פאַרניכטען, ווי שלמה המלך זאָגט: חכמות נשים בנתה ביתה ואולת בידיה תהרסנו. אין דעם מענשען׳ס לעבען מאַכט זיך פערשיעדענעס, גוטעס און שלעכטעס. אבער דער קלוגער מענש פער־שטעהט, דאָס מען מוז אלעס פאַר גוט אָננעהמען, דאַן מוזען זיך מאַן אונד פרוי איינער דעם צווייטען טרייסטען, אָבער ניט חלילה זיך קריעגען, ארומ־רייסען זיך, און פערוואַנדלען זייער הויז אין א גיהנום.

דער תלמוד דערצעהלט, דאָס דער תנא ר׳ מאיר איז געקומען אין א שטאָדט, האָט ער לאַזשירט ביי א פּאָאר פאָלק, וועלכע ער האָט בעמערקט, דאָס יעדען ערב שבת קריעגען זיי זיך, און זידלען זיך, דאַן האָט ער געזאָגט, איך וועל ניט רוהען, ביז איך וועל זיי דערפון אבגעוואָהנען. און אזוי איז געוועזען. ער האָט ביי זיי געמאַכט שלום פיר אימער. דאַן האָט ר׳ מאיר גע־הערט ווי דער שטן שרייט: „וועה! מען האָט מיר געמאַכט מופקר פון דיעזער הויז!“ דאָס הייסט, דער שטן, וועלכער איז דער סימבאָל פון אלע אומגליקען, האָט נור א שליטה אין אזא הויז, וואו עס איז ניטאָ קיין שלום ביי מאַן און פרוי, אָבער זאָ לאַנג עס הערשט אין׳ם הויז פאָלשטענדיגע הארמאָני און איינינקייט, דאָרט מוז זיין מזל און ברכה, ווי מיר זאָגען אין די שבע ברכות: שמח תשמח רעים אהובים, דאָס הייסט, אויב איהר

ווילט זיך פרעהען, ניט נור יעצט, ווען די מוזיק שפּיעלט, די געסט טאַנצען, ניט נור אין דעם טאָג פון דער חתונה, נאָר איהר זאָלט אימער פרעהליך זיין, אויף לעבענס־לאַנג. — דאָס קען נור זיין, ווען איהר וועט ביידע זיין א טרייע פּאָר, ווען איהר ביידע וועט זיין פעראייניגט, ביידע הערצער, ביידע נשמות וועלען ווערען ווי איינע. דאן וועט געוויס מקוים ווערען די גראַטור־לאַציאָנען פון אייערע וואהרע פריינד, אייער פערבונד וועט זיין אן אייביגער, דער גליק וועט אייך אימער בעגלייטען וואו איהר וועט זיך קעהרען און ווענדען, און די צופריעדענהייט וועט אייער לעבען זיס מאַכען, אמן!

אַ רעדע צו אַ ברית.

ווערטהע פערזאמעלטע! מיר האָבען יעצט ביינעוואָהנט א צער־עמאָניע, וואו עס איז בלוט פערגאָסען געוואָרען פון א שוואכעס, הילפלאָזעס קינד. דאָס האָבען מיר איהם געגעבען דעם ערשטען לעססאָן, אז אום א איד צו זיין, מוז ער זיין פארבערייטעט זיין יודענטהום מיט זיין בלוט צו פער־טהיידיגען. ווען מיר אידען בעטען ביי גאָט אם ר״ה אין אונזערע תפלות: ועקדת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור, מיינט מען ניט צו עראינערען גאָט דאָס, וואס מיט טויזענדער יאָהרען צוריק האָט אברהם געפיהרט יצחק׳ן צו דער עקידה, און פערלאַנגען פון איהם, אז דערפאר זאָל ער אונז רעכענען דעם זכות צו דעם יום־הדין. ניין! עס וואָלט געווען לעכערליך זאָ וואָס צו דענקען... אָבער מיר מיינען די עקידות, וועלכע הייננטיגע אידישע פאָטערס מאכען פיר זייערע קינדער. מיר ענטזאָגען זיך ניט, זאָגאר אין יעצטיגען יאָהר־הונדערט, אוועקצוגעבען אונזער בלוט פיר אונזער גאָט. דערפאר זאָגען מיר: „לזרעו היום״ ברחמים תזכור...

מיינע פריינדע! דער בעל ברית האָט יעצט געמאַכט די ברכה: „להכניסו בבריתו של אברהם אבינו״, דאָס הייסט, אז ניט נור מיט דאָס מל זיין צו אכט טעג ווערט ער שוין א איד, ניין! דאָס איז נאָך ניט אַלעס. בבריתו של אברהם אבינו, הייסט, צו פיהרען אזא לעבען ווי אברהם אבינו האָט געפיהרט: זיין א מכניס אורח, א בעל־צדקה און האָבען א גוט הארץ. מיט איין וואָרט — אזא איד ווי אברהם אבינו איז געווען. דער מדרש דער־צעהלט, דאָס ווען גאָט האָט חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש און האָט פער־טריבען די אידען פון זייער לאַנד, איז געקומען אברהם אבינו צו גאָט און האָט איהם געפרעגט: „בני היכן הם?״ וואו האָסטו אהין געטהאָן מיינע קינדער? האָט ער איהם געענטפערט: „בניך חטאו וגלו״, דיינע קינדער האָ־בען געזינדיגט, האָב איך זיי ארויסגעטריבען. דאן פרעגט ווידער אברהם: „היה לך להסתכל בברית מילה שבבשרם״, האָסט זיי געדארפט שענקען זייע־רע זינד דערפאר, ווייל זיי זיינען מל זייערע קינדער. האָט גאָט געענטפערט: „חייך, כפרו בה!״ איך שווער ביי דיין לעבען, דאָס זיי האָבען אויך אין די מצוה געלייקענט. דער אויסדרוק „חייך״ — „ביי דיין לעבען״, איז זעהר קשה, סטייטש! אברהם איז דאָך שוין דאן געווען הונדערטער יאָהרען טויט, טאָ ווי שווערט דאָס גאָט ביי אברהם׳ס לעבען? אויך וואָס גאָט זאָגט „כפרו בה״, דאס די אידען פון יענער צייט האָבען געלייקענט אין די מצוה פון ברית־מילה איז ניט ריכטיג. די גמרא זאָגט, דאָס דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען צוליעב די זינד פון שנאת חנם. אָבער ניט ווייל זיי האָבען חלילה אזוי ווייט געזינדיגט, ניט מל צו זיין זייערע קינדער. אָבער דער אמת איז, דאָס גאָט

זאָגט צו אברהם'ן: וואס קומט מיר ארויס וואָס זיי זיינען מל זייערע קינדער, ווען דאָס איז ניט געגוג. „חייך“, אזא אַרט לעבען ווי דו האָסט געפיהרט, „כפרו בה“, אין דעם לייקענען זיי: זיי זיינען ניט פריינדליך איינער צום אנדערען, זיי זיינען ניט מכניסי אורחים, ווי דו ביזט געווען, קיין גומלי־חסדים ווי דו ביזט געווען און ניט אזעלכע רחמנים, ווי דו ביזט געווען. דאן הייסט דאָס שוין ניט, דאָס זיי זיינען זייערע קינדער מכנים בבריתו של אברהם אבינו... דערפאר, ווען דער פאָטער האָט געזאגט די ברכה: „להכניסו בבריתו של אברהם אבינו“, האָבען מיר איהם געענטפערט, „כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה“. פאָטער! דו זאָלסט איהם שפּעטער זעהען ברייגנען אין חדר לערנען תורה, אום ער זאָל זיין א ריכטיגער יהודי, א ווארימער איד, א איד מיט אלע געפיהלען, דאן וועסט דו זוכה זיין איהם בריינגען לחופה, ניט ווי פיעלע היינטיגע קינדער, וואס בריינגען זיך אליין לחופה... דאן וועלען זיינע טהאטען זיין נאָר מעשים טובים, מעשים להתפאר. אמן!

אַ רעדע צו אַ זילבערנע האָכצייט.

טהייערע חתן כלה! איהר פייערט הייטע אייער זילבערנע חתונה, עס איז 25 יאָהר זינד איהר זייט פערהייראַטה. 25 יאָהר אין דעם לעבען פון א פאָלק איז ווי א טראָפּען אין ים. איבערהויפּט אין דעם לעבען פון אי־דישען נאַציאָן, וועלכע איז אלט טויזענדער יאָהרען, שפּילען 25 יאָהר א קליי־נע ראָליע, אבער אין דעם לעבען פון איינצעלנע מענשען, אין דעם לעבען פון אן אינדיווידואל, איז 25 יאָהר זעהר פיעל. אין פערלויף פון די 25 יאָהר, וויפיעל שוואַרצע קעפּ זיינען גרוי געוואָרען, וויפיעל גלאַטע געזיכטער זיינען צוקנייטש געוואָרען, וויפיעל גלייכע רוקענס זיינען געבויגען געוואָרען? וויפיעל זיינען אונטער דער צייט אינגאַנצען אוועק פון אונז? דערפאַר, אז גאָט העלפט, מען האָט דאָס דערלעבט, און עס איז אלעס גאָט צו דאַנקען כשורה, ווי גרוים דאַרף יעצט זיין אייער שמחה!

מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר צוריק זייט איהר געשטאַ־נען אונטער דער חופה, מוזיק האָט געשפּיעלט, אייערע פריינד האָבען געטאַנצט, אייערע געזיכטער האָבען געשטראַהלט מיט דער פאַנטאַזיע פון דער צוקונפט. אבער ווען מען וואָלט דאַמאָלסט א ביסעל מעהר נאָכגע־רעכנט, וואָלטען ארויף אויף די געדאַנקען די ווערטער: „ולשמחה מה זה עושה“? ווער ווייסט, וואס די צוקונפט וועט ברייננגען? וואו נעהמט מען דאַן דעם נביא, וואס זאָל פּראָפעצייהען, וואס מיט אייך וועט געשעהען? צו וועט איהר גאַר האַרמאָנירען? וויפיעל כוואַליעס פון דעם ים־שטורם וועלען אריבער איבער אייערע קעפּ? אָבער יעצט, חתן וכלה! איהר האָט שוין ביידע אריבער שפּאַציערט אַ היבשע ביסעל וועג, 25 יאָהר צוזאַמען גע־לאַכט, צוזאַמען געוויינט, צוזאַמען געהאַט נחת, צוזאַמען געהאַט צער, צו־זאַמען זיך געפרעהט, צוזאַמען געטרויערט; ערצויגען קינדער, געליטען פון קינדער און קינדער פרהייראַטהעט. יעצט איז אייער שמחה אן אמת'ע! מיר גראַטולירען אייך מיט א הערצליכען מזל־טוב!

מיר רופען אזא שמחה די זילבערנע האָכצייט; ווען מיר פייערען א 50־יאָהריגען יובילעאום, רופען מיר דאָס א גאָלדענע חתונה, א 75־יאָהריגען יובילעאום רופען מיר א דיימאָנט חתונה, ווייל מיר, אלס זינדיגע מענשען, האָבען ניט קיין גרעסערען בעגריעף פון גליק, ווי זילבער, גאָלד און דיאַמאַנטען. די תורה זאָגט ביי'ן מאַכען דעם משכן: וזאת התרומה אשר תקחו מאתם זהב וכסף ונחושת, אָבער נאָכהער זאָגט ער: „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם“, דאָס הייסט, ביי זיי איז די הויפּט־זאַך גאָלד, זילבער און קופּער. אָבער ביי גאָט איז די הויפּט־זאַך די ליעבע, די טרייהייט, די איבער־געבענהייט צו איהם.

ווען מען זאָל פרעגען ביי מענשען: וואס הייסט גליק? וועלען מיר בעקומען פערשיעדענע ערקלעהרונגען: דער ארימאן וועט זאגען, דאָס רייכטהום הייסט גליק, דער קראַנקער וועט זאגען, דאָס געזונדהייט איז גליק, דער אלטער מאַן וועט זאָגען, דאס ווערען צוריק יונג הייסט גליק. דער קינדערלאָזער וועט זאָגען, אז קינדער זיינען גליק. אָבער די וואהרהייט איז, אז צופריעדענהייט איז גליק. זייט צופריעדען, דאָס איהר האָט דערלעבט אייער יובילעאום צו פייערען. גאָט צו דאנקען, איהר זעהט ארום אייך פערזאַמעלט אייערע קינדער, אייערע פריינדע, און מיר אלע ווינשען אייך, איהר זאָלט זוכה זיין צו פייערען אייער 50־יאָהריגען יובילעאום, דעם שנת היובל. אז איהר האָט שוין זוכה געווען „עד כה" דאָס איז 25, וועט איהר שוין אויך ווערטה זיין „עד פה", דאָס איז א דיימאָנד חתונה, מיט 10 יאָהר א צוגאָב. יאריך ה' ימיכם ושנותיכם בטוב ובהצלחה כל ימיכם. אמן!

אַ רעדע בײַ גרינדען אַ תלמוד־תורה.

ווערטהע פערזאַמעלטע!

עס איז נאָך ניעמאַלס געווען ביי אונז אזא שטאַרקער סענטימענט פיר אידישע בילדונג, פיר לערנען תורה מיט אונזערע קינדער, ווי יעצט. מיר פיהלען, דאַס אום צו רעטען אונזער צוקונפט, מוזען מיר עטוואַס טהאָן פיר אונזערע נאָכפאָלגער. מיר טראַכטען יעצט פלענער, מיר זוכען מיטלען, ווי אזוי איינצופלאַנצען אין אונזערע קינדער ליעבע צום יודענטהום, דאַס זיי זאָלען פערבלייבען אידען. עס איז א בעוואוסטער פאַקט, דאַס ווען מען איז געזונד אויף אלע גליעדער, פאַלט קיינמאָל ניט איין גאר צו טראַכטען וועגען אונזערע אברים. ווען טראַכט מען וועגען דעם קאָפ? — ווען ער טהוט וועה; ווען טראַכט מען וועגען דעם מאַגען? — ווען ער פערדייהעט ניט דאַס עסען; ווען זאָרגט מען וועגען די אויגען? — ווען זיי ווערען דונקעל. מיט איין וואָרט, טראַכטען וועגען די גליעדער איז א בעווייז פון א קראַנקען צושטאַנד. דאַס זעלבע איז מיט די ערציהונג פון אונזערע קינ־דער. אמאָהל האָט זיך קיינמאָל ניט געשטעלט די פראַגע, ווי אזוי מען ער־ציהט א קינד אלס איד? די אטמאָספערע איז געווען אידיש, די גאַס, די לופט איז געווען פול מיט יודענטהום. הייטע ווייזט אויס, דאַס מיר זיינען קראַנק, ניט נאָר אין סטריט, נאָר זאָגאר אין הויז איז ניטאָ קיין צייכען פון יודענטהום. אין סקוהל קען ער געוויס קיין איד ניט ווערען. דאָן שטעלט זיך די וויכטיגע פראַגע: „וואס טהוט מען?“ ווי אזוי מאַכט מען זיכער דעם צוקונפטיגען דור, דאַס זיי זאָלען פערבלייבען אידען? דער בעסטער אנט־וואָרט אויף דעם איז — גרינדען תלמוד־תורה'ס...

אָבער מיר מוזען פערשטעהן, דאַס א תלמוד־תורה יעצט קען ניט זיין דאַס וואס אַמאָהל. ווען מען האָט געהאַלטען א קינד פערשפּאַרט אין א חדר פון 8 אוהר מאָרגענס ביז ניין אוהר אבענדס. דער רבי, אן אַלט־מאָדי־שער איד, מיט א קאַנטשיק אין האנד, האָט מיט געוואַלד אריינגעקלאַפּט אין קינדס מוח די שווערע סוגיות, אונפערשטענדליכע למודים, האָט געמעגט דער חדר זיין שמוציג, עס האָט געשמעלקעט א ליכטעל, מען האָט דאָך געלערנט, ווייל דער איינגעל האָט קיין אנדערעס און בעסערעס ניט געזעהען. היינט אָבער. ווען ער געהט אין א סקוהל, א מאָדערנע געביידע מיט אלע בעקוועמ־ליכקייטען, דער לעהרער איז געקליידעט נאָך דער לעצטער מאָדע, מען לערנט מיט איהם זאַכען, וואס ער פערשטעהט; דאָן ווען ער קומט נאָכהער אין חדר, מוז דער חדר זיין ניט ערגער איינגעאָרדענט אלס די סקוהל. די אַלט־מאָדישע רביים טויגען ניט מעהר. איבערהויפּט מוז דער רבי זיין א ספּעציאַ־

ליסט, און אין א קורצע צייט קענען איבערגעבען דעם תמצית פון אידישע תורה, ציינען די פעריל, דעם מאור שבתורה... נאכהער ווען ער ענדיגט סקוהל, און איז צו דער זעלבער צייט בעקענט מיט די אידישע תורה, מיט אונזער היילינער טראַדיציאָן, איז ער דאן א גוטער איד און א גוטער אמעריקאנער סיטיזען.

שלמה המלך זאָגט: „כחצים ביד גבור כן בני הנעורים", ווי פיילען אין די האנד פון א קריעגס־העלד, אזוי זיינען אונזערע יונגע קינדער. דאָס זיינען אונזערע געוועהר, אונזער בעשיצונג געגען אונזערע שונאים; „לא יבושו — כי ידברו את אויבים בשער", זיי וועלען זיך ניט דארפען שעהמען, אויב זיי וועלען זיך קענען אויס'טענה'ן, אויסריידען מיט'ן פיינד, מיט'ן געגנער אין די עפענטליכקייט. ניט ווי א מאָהל א גאון, א גדול בתורה, האָט צומאָל ניט געקענט ריידען מיט א קריסט, ווייל ער האָט נור געוואוסט די ד' אמות של הלכה און ניט מעהר. דאָס האָט אונז ניט געטהאָן קיין גוטעס, קיין כבוד ניט פערשאפט. מיר וועלען אָבער היינט מיט א ריכטיגען סיסטעם אין לערנען, מיט גוטע לעהרער, קענען פערשאַפען עהרע אונזערע צוקונפטיגע דורות, און מיר וועלען ערציהען א דור לשם ולתהלה ולתפארת. — אמן!

א רעדע בײ די ערעפנונג פון א לעהרע־אנשטאלט.

ווערטהע פערזאמעלטע!

יעדער פון אונז גיט זיך זעלבסט א דאנק פאר די גוטהערציגקייט פון נעהמען אנטהייל אין ערעפנען נאך א לעהרע־אנשטאלט פאר אידישע קינדער; איטליכער פון די פערזאמעלטע גיט זיך זעלבסט א קאמפלימענט מיט א „יישר־כחך“ פאר געפינען זיך יעצט דא און ביישטייערען צום אנשטאלט. אבער ניט יעדער פון אונז גיט זיך אב מיט דער גייסטליכער ארבייט, צו בעטראכטען, וואס איז דער ציעל פון א אידישען לעהרע־אנשטאלט, וואס דארפען מיר פון זיי פאדערען און וואס גיעבען זיי אונז.

און, באמת, איז דער ציעל זעהר א וויכטיגער. די פאדערונג איז א פיעל־פאכיגע און געבען גיעבען זיי אונז נאר דאס, צו וואס מיר מאכען זיי פעהיג, אבוואהל אונזער פאדערונג איז וויט דערפון ווי מזרח פון מערב...

א לעהרע־אנשטאלט פיר אידישע קינדער, מיינט אייגענטליך ניט־ווענינער ווי א הויז, וואו מען פארמירט דעם צוקונפט פון פאלק, א פורעם וואו מען גיסט אוים דעם נייעם דור — די צוקונפטיגע טרעגער פון אידישען פאלקס־פלאג; אדער נאך טיעפער געזאגט, א פאבריק אין וועלכע מען פאבריצירט דעם „נייעם איד“, וואס קען מעהר ניט און טאהר מעהר ניט אויסוויזען, ניט קערפערליך און ניט גייסטליך, ווי דער אלטער, שטארק פארמוס'טער פון גלות'דיגע פערנאכלעסיגקייט, איד. און קוים מוז דער „נייער איד“ אנדערש אויסזעהען, מוז ער אויך אנדערש ערצויגען ווערען...

דעם „דור המדבר“ איז גענוג געוועזן א קורצע ראיה, שוואכע פיס און ציבעלע פערשטאנד; וואס מעהר האט ער גערדארפט? זעהען איז פאר איהם ניט נויטיג געווען, ווייל מען האט איהם געפיהרט, און נאכגעהן קען מען אויך מיט האלב־בלינדע אויגען... געגאנגען איז ער געצעהלטע טריט, נאכ'ן וואלקען ביי־טאג און נאכ'ן פייער־זייל ביי־נאכט, אימער אין דעם זעלבינען ווי פער'כשופ'טען מדבר־קרייז; היינט צו וואס דארף ער שטארקע פיס? געבענקט האט ער נאך ציבעלעס און קנאבעל — א זאך, צו וועלכע מ'דארף גאנץ ווענינ פערשטאנד...

גאנץ אנדערש אבער דארף זיין דער יונגער דור, די לאנד־בעזיצער, די קאמפף־פיהרער, די פלאנען־מאכער פון פאלק'ס צוקונפט! זיי מוזען האבען א וויטע שארפע ראיה, געזונדטע פיס צו געהן פארווערטס און, ווען מען

דארף, טאקע פעריאָגען דעם שונא, און נאָכיאָגען דעם שונא; און מעהר פאר אלץ א ברייטען, אלוועלטליכען פערשטאנד.

לאָמיר געבען אונזערע לעהרע־אנשטאַלטען די מעגליכקייט נאָכצוקור־מען אזא פאָדערונג, זאלען אונזערע פאָדערונגען נאָר אזעלכע זיין; דאַן ווע־לען אונזערע לעהרע־אנשטאַלטען פראָדוצירען אידען מיט'ן מוטה און דרייסט פון אמאָל, און מיט מעגליכקייט צו בעגעגענען דעם צוקונפט....

(ח. ש. נ.)

א רעדע פאר א מושב־זקנים.

ווערטהע פריינדע! עס איז דא א גאנץ אלטע פראגע מיט אן אנט־ווארט. די פראגע לויטעט: וועלכע זאך איז דאס, וואס יעדער מענש בעט גאט, ער זאל דאס בעקומען, יעדער איינער פערלאנגט דאס צו האבען, און נאכהער, ווען ער האט דאס שוין, שעהמט ער זיך דערמיט ווי מיט א גנבה? דער אנטווארט איז: די עלטער. יעדער מענש בעט ביי גאט, דאס ער זאל זוכה זיין אלט צו ווערען. יעדערער וויל דערלעבען עד זקנה ושיבה. נאר ווען ער דערזעהט די ערשטע גרויע האר אויף זיין קאפ אדער בארד, רייסט ער דאס אויס, ער שעהמט זיך גאר דערמיט. פאר וואס איז דאס אייגענטליך אזוי? דער תירוץ איז: עס איז פאראן צוויי סארטען עלטער. ווען איינער ווערט אלט מיט יאהרען, ווי די תורה זאגט אויף אברהם אבינו: „ואברהם זקן בא בימים", ער איז שוין געווען אין די יאהרען, ווען מען ברויכט אלט צו ווערען, אדער: והמלך דוד זקן בא בימים", דאס איז א שטאלץ, דאס איז א מתנה פון גאט. אבער חלילה ווען מען ווערט אלט און גרוי פון צרות, פאר דער צייט אהנע יאהרען, דאן שעהמט מען זיך. ווען מיר בעטען אין די הייליגע טעג „אל תשליכנו לעת זקנה", מיינט מען דיעזען גדאנק. ווען איך זעה איינער שטעהט פון וויטען און ער האלט עטוואס אין זיין האנד, און איך פערלאנג, ער זאל דאס מיר געבען, איז דא צוויי וועגען ווי ער זאל טהאן, אדער ער זאל צו מיר צוגעהן, וועט מוזען דויערען ביז איך וועל דאס פון איהם בעקומען, אדער ער זאל דאס געבען אווארף צו מיר, און איך וועל דאס שנעל בעקומען אין א סעקונדע. מיר בעטען ביי גאט, ער האט א טהייערען ארטיקעל, מען רופט דאס עלטער, נאר אל תשליכנו לעת זקנה, גיעב אונז ניט א ווארף, א שליידער, צו די עלטער. זאל דאס קומען צו אונז לאנגזאם, מיט'ן פערלויף פון יאהרען, ניט מיט אמאל. מיר מיינען אויך דערמיט אל תשליכנו, ווארף אונז ניט אן אויף קיינע קינדער צו דער עלטער. זאלען זיי זיך ניט ארומווארפען מיט אונז, מיר זאלען ניט זיין אן איבריגע זאך לעת זקנה.

מיינע פריינדע! בעטראכט, וואס פאר א טהייערע בקשה דאס איז! מען זאגט: „ענדע גוט — אלעס גוט..." ווען מען זאל קומען צו א מענשען מיט פערשטאנד און פרעגען איהם: דיר איז בעשערט צו לעבען זיעבציג יאהר, איין העלפט דערפון גוטע גליקליכע און די אנדערע העלפט אונגליקליכע, טרויעריגע, וועלכע, פערלאנגסטו, זאלען זיין די ערשטע? דאן וועט יעדער קלוגער מענש זאגען: „די לעצטע זאלען זיין די גוטע". די תורה זאגט, דאס יעקב אבינו האט אבגעלעבט זיינע יאהרען זעהר טרויעריג, קיין נחת געהאט פון זיינע קינדער, נור לויטער צרות. אבער ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה. די לעצטע 17 יאהר אין מצרים האט ער געלעבט, ער האט געזעהען

זיינע קינדער ארום זיך פערזאמעלט, זיין ליעבלינג יוסף אלס וויצע־קעניג אין מצרים. מיט איין ווארט, זיינע לעצטע יאהרען זיינען געוועזן זיסע, גליקליכע, איז „ויהי ימי יעקב שני חייו שבע שנים וארבעים ומאת שנה“, האט דאס שוין געהייסען, דאס אלע זיינע יאהרען האט ער גוט געלעבט, ווייל „ענדע גוט — אלעס גוט“...

מיינע ליעבע אידען! זעהט אין דיעזער געביידע צו פערזיסען די לעצטע יאהרען פון די זקנים. גיט זיי א רוהיגע, שטילע היים, זאלען זיי שטארבען מיט דעם בעוואוסטזיין, דאס גוטע נאבעלע מענשען האבען געטהאן אלעס, אום זיי צו דערהאלטען אויף דער וועלט. זיי וועלען בעטען גאט פאר אונז, דאס מיר זאלען קומען לימי זקנה ושיבה, מיט א גוטען עלטער, מיר זאלען אויסלעבען אונזערע יאהרען בעושר וכבוד ואריכות ימים. אמן!

אַ רעדע פאַר אַ צדקה־אַנשטאַלט.

מיינע פריינדע! קיין פאָלק אויף דער וועלט האָט ניט פערשטאַנען אזוי ריכטיג צו בעטיטלען דאָס העלפען נויטהליידענדע, ווי מיר אידען. זיי רופען דאָס „טשאַריטי", „אויסהעלפונג", „שטיצע"; מיר רופען דאָס „צדקה", „גערעכטיגקייט". מיר טהוען דערמיט אלעס וואס רעכט איז. דער פסוק זאָגט: „צדקה תרומם גוי והסד לאומים חטאת", דאָס הייסט, אַ פאָלק וואָס פערשטעהט, אז העלפען אן ארימאַן איז צדקה, „גערעכטיגקייט", איז אַ בעוויז, דאָס זי שטעהט הויך אין קולטור, אָבער די נאַציאָנען, וואס רופען דאָס „חסד", „גנאָדע", „טשאַריטי" — חטאת, דאָס איז אַ פערברעכען. מיט טויזענדער יאָהרען צוריק זיינען מיר געווען דאָס ערשטע פאָלק, וואס האָט געפּרעדיגט: „פתח תפתח את ידך", אָדער „וכי ימוך אחיך ומטה ידו והחזקת בו"; אנדערע פעלקער האָבען געזאָגט, דאָס אן ארימאַן אָדער ער זאָל זיך פערקויפען פאַר אַ קנעכט, אָדער ער זאָל פון הונגער שטאַרבען. זייער לאָגיק איז געווען: — גאָט ווייסט וואָס ער טהוט. ווען ער וואלט געוואָלט, דאָס דער אָרימאַן זאָל האָבען פון וואנען צו לעבען, וואָלט ער איהם זעלבסט געגעבען. דארום, ווען מען העלפט אן ארימאַן, טהוט מען דערמיט אַ פערברעכען געגען גאָט. דאָס איז געווען די פראגע פון טורנוסרופוס צו ר׳ עקיבא: אם ה׳ אוהב את העניים למה אינו מפרנסם? אָבער מיר זאָגען אין געגענטהייל. זאָגאר ווען אַ פאָטער ווערט בייז אויף אַ קינד, און טרייבט איהם ארויס, וועט ער דאנקבאר זיין, ווען יעמאנד וועט זיין זוהן שטיצען, דאָס ער זאָל פון הונגער ניט שטאַרבען. אונזער סיסטעם אין צדקה איז אויף „מתן בסתר", ניט פויקען און ניט ליאַרמען, בעריהמען זיך דערמיט; נאָר אשרי משכיל אל דל, מען זאָל מיט שכל העלפען דעם ארימאַן, אום ניט צו פערשעהמען איהם.

דער חכם מכל אדם זאָגט: וצדקה תציל ממות. ער מיינט איינפאך, מיט צדקה, וואלטהאָט, רעטעט מען פיעלע פון טויט. אָבער די חכמים זאָגען אנדערש, דאָס ווען מען איז אַ בעל־צדקה שטאַרבט מען ניט אָב אינגאנצען. מען ווערט זאַ שנעל ניט פערגעסען. זיין נאָמען בלייבט לזכרון עולם. דאָס האָט געמיינט שלמה המלך וצדקה תציל ממות. מען זאָל אויך ניט ענטפערען אַ תירוץ, דאָס די צייט איז יעצט ניט אם בעסטען, דארום קען מען ניט העלפען יענעם. מען מוז וויסען, אז קוים איז דעם ארימאַן שלעכט, ווען אלעמען איז גוט, טאָ ווי שלעכט איז איהם שוין ווען די צייטען זיינען שלעכט?! מען האָט ניט קיין רעכט צו לעבען אין לוקסוס, און דער ארימאַן זאָל ניט האָבען קיין ברויט, ווי דער פסוק זאָגט: „הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד". פיעלע לייטע, וועלכע זיינען געווען אָרימע מענשען, נאָכהער האָט זיי בעגליקט

און זיי זיינען רייך געוואָרען, וועט איהר בלויז דערקענען אין הויז. די פאָר־ניטשור זיינען טהייערע, מען האלט דיענסטען, מען האָט ציערונג — הון ועושר בביתו: זיין רייכטהום דערקענט איהר בלויז אין זיין הויז, אָבער — וצדקתו עומדת לעד, זיין צדקה בלייבט אימער דאָס זעלבע. פריהער אלס אָרעמאַן האָט ער ניט געגעבען, און זאגאָר יעצט אלס גביר גיט ער ניט. העלפט די בעדערפטיגע, רחמנים בני רחמנים, און גאָט וועט אייך העלפען, דאס איהר וועט ניט וויסען פון קיין מאנגעל און נויטה, ובזכות הצדקה תהיה הגאולה קרובה. אמן!

א רעדע פאר דעם 4טען דזשולײ.

לײדים אונד דזשענטעלמען!

דאָס אמעריקאנישע נאַציאָן פײערט הײטע דעם גרויסען פײער־טאָג „דעקלאַריישאָן אוו אינדעפענדענס“, דאָס הײסט, אן ערקלעהרונג פון אונ־אבהענגיגקײט, פרײהײט און רעכטע פאר אלע מענשען דורך דער אמעריקא־נער קאָנסטיטושאָן, װעלכע איז פּראָקלאמירט געװאָרען מיט.... יאָהרען צוריק.

מיר אידען, ספּעציעל די רוסישע, גאַליציאַנער און רומענישע אידען, פערשטעהען צו שעצען אזא יום־טוב בעסער װי אנדערע; מיר פערשטעהען, װאס הײסט זײן פרײ און אונאבהענגיג. מיר דארפען נעהמען א גרויסען אנטהײל אין אזא שמחה. שטעלט אײך פאָר, א איד ענטלויפט פון דעם עמק הבכא, װעלכע הײסט רוסלאנד, פון יאָמערטהאל, װעלכער הײסט רו־מעניען, אדער פון דלות־לאנד, װאס הײסט גאַליציען, און שטעהט היער אין עללים־אײלאנד און בעט זיך: „פתחו לי שערי צדק!“ עפענט מיר אויף די טהויערען פון גערעכטיגקײט; אבוא בם אודה יה; — װען איך װעל ארײנקומען און לאנדען, װעל איך יעצט װיסען װי גאָט צו דאנקען. מען ענטפערט איהם: „זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו“. דיעזער טהויער איז װירקליך א געטליכער, װער עס װיל נור פיהרען אן עהרליך לעבען, מעג ארײנקומען. װען ער איז שוין היער, און זעהט װאס פיר א גרויסע בעדײטענ־דע ראָליע דער איד שפּיעלט דאָ. דיעזער איד, װעלכער איז אזוי פערהאסט איבעראל, װערט דאָ אנערקענט מיט אלע נאַציאָנען גלײך, דאן זאָגט ער: „אודך כי עניתני ותהי לי לישועה, אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה“. אָבער מען זעהט דײטליך, דאָס מאת ה׳ היתה זאת, אז דאָס איז א געטליכע זאַך. היא נפלאת בעינינו. מיר פערשטעהען דאָס ניט. דאָס איז בהשגחת הבורא. זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו. הײנט הײסט גאָט אלײן מיר זאָלען פרעהליך זײן, נור ניט זײן פרעהליך װי די אינדיאנער, מיט שיסערײ, מיט געשרײען, מיט פײער־קרעקערס... נאָר פײערען װי דער איד פײערט א יום־טוב אויף זײן שטײנער. האלט אָב מאסס־מיטינגס איבעראל, ערקלעהרט פאר אלעמען די בעדײטונג פונ׳ם טאָג, פּלאַנצט אײן אין אײערע קינדער ליעבע צו דיעזער לאנד, דערצעהלט זײ אָבער אויך, דאָס מיר אידען האָבען אויך געהאט פרײהײטס־קעמפּפער, װעלכע האָבען אװעקגעגעבען זײער לע־בען פיר פרײהײט. זאָגט זײ, דאס אין פילאַדעלפיא איז דאָ א גרויסער פרײ־הײטס־גלאָק, אויף װעלכען עס זײנען אויסגעקריצט די װערטער פון אונזער תורה: „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה“, װײל פרײהײט האָבען מיר די ער־

שטע געפּרעדיגט. דערצעהלט זיי, דאס אין דער צייט, ווען וואשינגטאָן האָט געקעמפּפט פאר אינדעפּענדענס, איז געוועזן א איד, חיים סאָלאָמאָן, וועלכער האָט צו דעם צוועק זיין גאנצען געלד געאָפּפערט, און נור מיט זיינע פינאַנ־ציעלע הילפע איז מען אימשטאַנדע געוועזן דעם קאמפף פארטצוזעצען. זאָגט זיי, דאס דער איד מוז אין יעדער לאַנד זיך אויפפיהרען שעהן, נאָבעל, אנ־שטענדיג. אום דער נאָמען איד זאָל ניט בעשמוצט ווערען, זאָלען מיר זיין גוטע אמעריקאנער און גוטע אידען.

הספד נאָך אַ רב.

רבותי! מיר האָבען זיך היער אַלע פערזאַמעלט צו מספיד זיין דעם גרויסען רב... בעוויינען, גיסען טרעהרען אויף דעם טויט פון אַ גרויסען גאון. די פראַגע איז: האָט דען דיעזער גרויסער מאַן ניט אויסגעלעבט זיינע יאָהרען? איז ער דען חלילה געשטאָרבען פאַר דער צייט? ער איז דאָך אַלט געוועזען אריבער.... יאָהר, האָט ער דאָך געמוזט שטאַרבען, טאָ וואָרום איז אַזא טרויער? וואָרום ווערען זאַ פיעל טרעהרען פערגאָסען? מיר וועלען דאָס פערשטעהן מיט אַ משל: אויף אַ בית־עולם זיינען געלעגען אויף פערשיעדענע קברים דריי פרויען און האָבען שטאַרק געוויינט. צוויי עלטערע און איינע נאָך גאָר אַ יונגע. ארונטערגעהענדיג פון די קברים האָבען זיי זיך בעקענט און האָבען זיך פונאַנדערגערעדט. פרעגט איינע פון די עלטערע ביי דער יונגער: „וועמען האָט איהר דאָרט בעוויינט?“ — „מיין קינד, וועלכע איז יעצט ניט לאַנג פון מיר אוועקגענומען געוואָרען, האָב איך בעוויינט“, זאָגט די יונגע פרוי. „וועמען האָט איהר בעוויינט?“ — פרעגט די יונגע ביי דער אַלטער. „מיין זוהן, וואָס איז געשטאָרבען אַזוי יונג“. „האָט איהר נאָך קינדער?“ — פרעגט די יונגע וויעדער, „יאָ, אַ טאָכטער זאָל לעבען האָב איך“. „אַך! — זיפצט די יונגע פרוי, מיין אומגליק איז דאָך פיעל גרעסער, מיין קינד איז דאָך ביי מיר אַן איין־איינציגער געוועזן“. „איהר רעדט ווי אַ קינד, זאָגט די צווייטע עלטערע פרוי, איהר זייט דאָך נאָך גאָר אַ יונגע פרוי. איהר וועט נאָך אַנדערע קינדער האָבען, אבער איך, איך בין דאָך שוין אַלט“. דאַן האָט די ערשטע אַלטע פרוי אויסגעשריען: „איז דאָך צו מיין בראָך קיין חבר ניטאָ — מיין זוהן, וועלכער איז געשטאָרבען, איז געוועזען ביי מיר אַ בן־יחיד, איין אויג אין מיין קאָפּ, און דערצו בין איך דאָך שוין אַן אַלטע פרוי, איך וועל שוין קיין אַנדערע קינדער ניט האָבען“. די אַנדערע פרויען האָבען פערשטאַנען, דאָס איהר לאַגע איז ווירקליך טרויעריגער ווי זייערע, און האָבען איהר געהאָלפען מיטוויינען אויף איהר בראָך.

מיינע פריינדע! אַמאָליגע יאָהרען האָט מען טאַקע ניט געברויכט פיעל צו וויינען ביי דעם טויט פון אַ גאון, ווייל ער איז ניט געוועזען קיין בן־יחיד, און דערצו איז מען געוועזען זיכער, דאָס עס וועט באַלד זיין אַן אַנדערער — עד שלא שקעה שמשו של זה זרחה שמשו של זה... אָבער הייטע איז דאָס אַן אבל יחיד, ניטאָ מעהר אַזא גאון און חכם וצדיק ווי.... זצ“ל, און ווער ווייסט, אויב עס וועט זיין אַזא גדול. — דאָ פּאַסט דער הספד פון בר־קיפּוק אויף ר׳ אשי: „אם בארזים נפלה שלהבת, מה יעשו איזובי קיר“, אַ צעדערבוים ווען מען שניידט איהם אָב, וואַקסט ער אָב צוריק, ווייל עס בלייבט נאָך איבער דער וואָרצעל. „ארז גזעו מחליף“, זאָגט דער תלמוד,

אָבער ווען א פייער פערברענט דעם צעדערבוים, דאַן ברענט דאָס אויס זאָגאר דעם וואָרצעל, וועט שוין קיין אנדערער ניט אָבוואַקסען.

נאָך אַן אורזאכע האָבען מיר צו וויינען און פערגיסען טרעהרען אויף דעם פערלוסט פון אזא מאַן: א געטרייער מאַן צו זיין פרוי, ער קען אָבער זיין טרייהייט צו איהר ניט ארויסצייגען, ווייל ער איז אימער בעשעפטיגט. זיין קאָפּ איז נור פערנומען אין געשעפטען, ווען זיין פרוי אָבער ווערט שטארק קראַנק, דאַן זיצט ער ביי איהר בעט און וויינט ביטער. דאַן איבערצייגט זיך די פרוי, ווי ליעב ער האָט זי. — מיר אידען האָבען ליעב אונזער תורה, נור מיר קענען דאָס ניט אָפט בעהויפּטען, ווייל מיר זיינען טרודים, פעריאָגט, פערהאַוועט. נאָר ווען צייגען מיר ארויס אונזער אמת'ע ליעבע און טרייהייט, ווען עס שטאַרבט א גרויסער תלמיד־חכם, דאַן וואַרפען מיר אַלעס אוועק, מיר וויינען, מיר מאַכען הספדים, דאָס צייגט, ווי ליעב מיר האָבען די תורה. דאַרום, אידען! זשאַלעוועט ניט קיין טרעהרען, ווייל גאָט צעהלט יעדע טרעהר בעזונדער „כל המוריד דמעות על אדם כשר, הקב״ה סופרן ומניחן בבית גנזיו", און די נשמה פון דעם גרויסען צדיק וגאון וועט זיין א מליץ יושר לנו ולכל ישראל, מיר זאָלען חלילה ניט ברויכען צו פערגיסען טרויער־טרעהרען, עס זאָל זיין בלע המות לנצח, אמן!

הספד נאָך א אשה חשובה.

מיר שטעהען אלע ארום דעם טוידטען קערפער פון א פרוי, ביי וועל־כען עס שטעהט איהר מאַן און קליינע קינדער, וואָס האָבען שוין ניט קיין טרעהרען מעהר צו בעוויינען זייער בראָך. מיינע פריינדע! איך זאָל זאָגאר וועלען טרייסטען די אבלים, האָב איך ניט קיין רעכט, וויל אונזערע חכמים זאָגען: „ואל תנחמהו בשעה שמתו מוטל לפניו". דאַן ווען דער וואונד איז נאָך פריש, דאַן ווען דער טוידטער קערפער ליעגט פיר אונזערע אויגען, טאָר מען די אבלים ניט טרייסטען. און מיט וואָס קען איך זיי טרייסטען? האָב איך דען ווערטער זיי מנחם צו זיין? כי האדם עץ השדה — א מענש דארף ניט זיין ערגער ווי א בוים אין פעלד. ווען מיר זעהען א בוים בעלאדען מיט פרוכט, שעהנע, אבער אומצייטיגע פרוכט, און א שטורם־ווינד רייסט אוים דיעזען שטאָלצען בוים, ער ליעגט אויף די ערד, די פרוכט צוואווארפען און בעשמוצט, דאַן מוז א מענשליכעם הארץ צובראָכען ווערען. דאָ זעהט איהר א שעהנער בוים ליעגט איינגעבראָכען, די קינדערלעך אונצייטיג, אונזעלבסט־שטענדיג, זיי ברויכען נאָך די מוטער, און זיי זיינען געוואָרען אזוי יונג יתומים. אך, ווי עס ווערט דאָס הארץ צובראָכען! אויף דער מאַן, וועלכער בעוויינט יעצט זיין טרייע פרוי, ווייס זעהר גוט, דאָס אין האשה מתה אלא לבעלה, פיר קיינעם פעהלט די פרוי ניט אזוי פיעל, פאר קיינעם איז זי ניט אזוי אָבגעשטאָרבען, ווי פאר איהר מאַן. זיין טרייע לעבענס־בעגלייטערין, זיין פארטנערין אין נחת און אין צער, זי לעבט ניט מעהר... פאר אונז איז אָבגעשטאָרבען א טיפ פון א פרוי, אַן אשת חיל, א פרוי, וועלכע האָט גע־ווידמעט א טהייל פון איהר לעבען פיר טשאריטי, א פרוי, וואָס איז געווען א מעמבערין פון פיעלע צדקה־אנשטאַלטען, און איבעראל געוועזען טהעטיג. איהר גוטעס הארץ, איהר נאָבעלע נשמה איז געווען א מוסטער פון טוגענד. אויף איהר מעג מען זאגען דעם זעלבען שבח ווי אויף אונזער מוטער שרה: דריי ניסים האָט מיט איהר פאסירט „נרות היו דולקים מערב שבת לערב שבת. ברכה מצויה בעיסה. וענן קשור על האוהל", דאָס הייסט, ליכט האָבען געברענט די גאנצע וואָך, א ברכה איז געווען אין איהר טייג און א וואָלקען איז אָנגעבונדען געווען איבער איהר הויז. דער געדאַנקען איז: ליכט איז דער סימבאָל פון פרייד, אורה ושמחה געהען אימער צוזאמען, ביי איהר אין הויז איז געווען פרעהלאך. עס האָבען געברענט די ליכט א גאַנצע וואָך, סיי ווען עס איז אריין א ברכה אין די טייג. דאָס מיינט מען, ווען עס איז גוט געווען אויפ'ן הארצען; סיי ווען עס איז געווען א וואָלקען איבער'ן הויז, ד. ה., עס איז ניט גוט געווען אויפ'ן הארצען — אימער איז געווען א שמייכעל אויף איהר שעהנעם געזיכט, אימער צופריעדען. מיט צובראָכענע הער־

צער, מיט טרעהרען אין די אויגען, בעגלייטען איהר אלע פריינד צו איהר עוויגער היים. באלד וועט דער פינסטערער קבר איינשלינגען איהר יונגען קערפער, אָבער איהר וואָלטהאָט, איהר גוטעס, וואָס זי האָט געטהאָן, וועט ניט זאָ שנעל פערגעסען ווערען.

צו די קינדער וויל איך זאָגען אַ פּאָאר ווערטער. א פאַמיליע, ד. ה., א פאָטער, מוטער, קינדער, זיינען פונקט ווי א בוך. דער פאָטער און מוטער זיינען די טאָוולען, די קינדער זיינען די בלעטער, וועןביידע טאָוולען זיינען דאָ, האַלטען זיך די בלעטער צוזאמען, ווערט אַ טאָוועל אָבגעריסען, צופליהען זיך די בלעטער אין אלע זייטען... זייט קינדער צוזאמען פעראייניגט מיט אייער פאָטער, צולויפט זיך ניט, לעבט אין אחדות, איינינקייט. אייער מוטער וועט גאָט בעטען פאר אייך, און איהר וועט אינ'ם שלום און אחדות געפינען א טרייסט. בלע המות לנצח ומחה ד' דמעה. אמן!

אַ רעדע ביי אַ מצבה שטעלען.

„המקום אשר אנחנו עומדים עליו אדמת קודש הוא". דיעזער פּלאַץ, אויף וועלכען מיר אַלע שטעהען יעצט, ווערט ביי אונז אַנגערופען „דאָס היילינע אָרט". עס איז מערקווירדיג, אַ שוהל, אַ בית־המדרש, וועלכער איז געוויס אַ מקום קדוש, ווייל דאָרט ווערט געלערנט און געדאַווענט, רופט מען ניט דער „היילינער אָרט", אַבער דיעזער פּלאַטץ איז בעטיטעלט מיט דיעזען נאָמען? יא, מיינע פריינדע, דיעזער פּלאַטץ איז זעהר הייליג. היער ווערען פערשוואונדען אַלע שלעכטע געדאַנקען, דאָ הערט אויף קנאה, שנאה און מחלוקת. דאָ זיינען אַלע גלייכע יחסנים, דער מיליאָנער און דער קבצן, דער קעניג און דער בעטלער, יונג און אַלט, געבילדעטע און איינפאַכע זיינען היער גלייך; ווי איוב זאָגט: „קטון וגדול שם הוא ועבד חפשי מאדוניו", אַן עכט־דעמאָקראַטישער פּלאַץ. דערפאַר לערנט אונז דער חכם: „טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה, והחי יתן אל לבו". עס איז בעסער צו געהן וואו מען טרויערט, איידער צו געהן וואו מען טרינקט. פריינדע! מען קען פיעל לערנען פון אַ וויזיט אויף דעם בית־עולם. דער דובנער מגיד זאָגט אויף דעם אַ פּאַסענדען משל: אַן אָרימאַן וויל געהן צו אַ רייכע חתונה, באָרגט ער ביי זיין שכן אַ מלבוש, דער שכן זאָגט איהם אַן ער זאָל זיין פאָרזיכטיג מיט זיין מלבוש, פון אַ פלעק, פון אַ גוואַלד־רים. ער זאָל ניט פערגעסען, דאָס עס איז ניט זיינער, ער וועט דאָך מוזען אויסטהאָן נאָך דער חתונה, און וועט מוזען פאַר אַלעס בעצאָהלען, אויב עס וועט זיין פערדאָרבען. אָבער דער אָרימאַן קומט צו דער חתונה מיט דעם פרעמדען מלבוש, ער ווערט פרעהליך, און פערגעסט אַן אַלעס. ווען דערמאָהנט ער זיך, ווען די חתונה איז פאַראיבער, ער מוז דאָס אויסטהאָן און אוועקגעבען צוריק, ביי וועמען ער האָט עס געבאָרגט: דאָס זעלבע איז מיט דעם מענשען. מען האָט איהם געבאָרגט אַ קערפּער אויף אַ געוויסער צייט, מען האָט איהם געוואָרנט, ער זאָל זיין פאָרזיכטיג, ער זאָל ניעמאַלס פאַרגעסען, דאָס מען האָט דאָס איהם נור אויסגעבאָרגט אויף אַ געוויסער צייט, אָבער די וועלט איז ווי אַ חתונה, ווי די גמרא דריקט זיך אויס: „האי עלמא דקא אזלינן מינה כבי הילולא דמיא", דער מענש ווערט בערוישט, ווי פער'שכור'ט געהט ער אום, און פאַרגעסט די וואָרנונג, נאָר ווען ער קומט אַהער, דאָ איז שוין נאָך דער חתונה, דאָ איז שוין אַלעס פאַראיבער, דאָ זעהט ער, דאָס מען טהוט אויס דעם מלבוש, מען גיט איהם אָב צוריק, פון וואַנען מען האָט איהם גענומען, דאַרום איז דיעזער פּלאַץ הייליג.

איהר שטעהט יעצט, קינדער, ביי דעם קבר פון אייער פאָטער. דאָ

רוהען די ביינער פון דעם בעסטען פריינד, וועלכען איהר האָט געהאַט אויף דער וועלט. איהר מוזט אייער פאָטער, זאָגאר יעצט נאָך זיין טויט, שעטצען און רעספעקטירען. דאָס איינציגע וואָס איהר קענט יעצט טהאָן איז, מקיים זיין דעם פסוק: „והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלהים“. דיעזער שטיין, וועלכער ווערט גענאַנט מצבה, ברויך צו זיין אייער גאָטעס הויז. איהר זאָלט דיעזען היילינגען אָרט אָפט בעזוכען, דאָ זאָלט איהר אויסגיסען אייער הארץ. פערגעסט ניט, דאס איהר האָט געהאַט א פאָטער, וועלכער האָט זיך געאָפפערט פיר אייך, אזוי ווי ער האָט מקיים געווען כרחם אב על בנים, ווען ער האָט געלעבט, אזוי וועט ער זיין אייער מליץ יושר יעצט, דאָס איהר זאָלט ניט מעהר וויסען פון קיין יגון ואנחה. בלע המות לנצח. אמן!

די „צענטראַל פּאַבלישינג

נאָך דעם ווי דער פּאַבלישינג קאָמפּאַני „צענטראַל" האָט גע־לונגען אויפ'ן העכסטען גראַד איינצואָרדנען זיך אויפ'ן אַמעריקאַ־נער באָדען, רעכענענדיג זיך מיט די ספּעציעלע היגע בעדינגונגען און אומשטענדען, אזוי אז די גרעסטע אידישע בוכהאנדלונג און פּאַבלישינג קאָמפּאַני אין דער וועלט האָט געפונען אויך אַ זיכערע היים אין דעם נייעם לאַנד און האָט פאַר דער קורצער צייט פון איהר היגען עקזיסטענץ געלאָזט טיפע וואורצלען, — נאָך דעם אַלעם, האָבען מיר געפונען פאַר נויטהיג צוליעב דעם וואהל און בעקוועמליכקייט פון פּובליקום, בוכהענדלער און אויך צוליעב די פערשפּרייטונג פון דער העברעאישער און אידישער ליטעראַטור — אויפצוטהאָן נאָך וויכטיגע רעפאָרמען, פון וועלכע די ערשטע איז: אַ שעהנע גרויסע היים פאַר דער אידישער ליטעראַטור, און צו־ליעב דעם צוועק האָט „צענטראַל" געמופּט פון 169 א. בראָדוויי אין

42־44 קאַנעל סטריט, ניו יאָרק

די נייע היים פון „צענטראַל" בעשטעהט איצט פון אַ גרויס־אַרטיגען לאָקאַל ווי עס פּאַסט פאַר דער מאָדערנער בוכהאַנדלונג פון העברעאישער און אידישער ליטעראַטור.

צווייטענס האָט דער פאָרשטעהער פון דער פּאַבלישינג קאָמ־פּאַני „צענטראַל" ה' ש. שרעברעק, וועלכער איז דירעקט געקומען פון רוסלאַנד איינצואָרדנען דאָ אין ניו־יאָרק די גרעסטע בוכהאַנד־לונג אין דער וועלט, — זיך גערעכענט מיט די סימפּאַטהיען פון פּובליקום, און האלטענדיג ביים אָבפאָהרען צוריק נאָך אייראָפּאַ, האָט איהם געלונגען צו לאָזען אלס פערטרעטער און מענעדזשער פון „צענטראַל" אין ניו־יאָרק דעם גוט־בעקאַנטען, בעליעבטען און פּינקטליכען בוכהענדלער

ה. ש. דרוקערמאַן פון 50 קאַנעל סטריט, ניו יאָרק

דער פּאָפּולערער נאָמען פון ה' ש. דרוקערמאַן איז גענוג גאַראַנטיע, אז אַלע די יעניגע, וואס וועלען קומען אין געשעפטליכע בעריהרונגען בנוגע צו דער בוכהאנדלונג „צענטראַל" אין ניו־יאָרק, וועלען בעהאנדעלט ווערען פּינקטליך און רעעל אויפ'ן בעסטען און שעהנסטען אופן.

זעלבסטפערשטענדליך, אז אזא ריעזיגע בוכהאנדלונג ווי „צענטראַל" אין ניו־יאָרק, וואס איז, אזוי צו זאגען, דאָס הארץ פון דער העברעאישער און אידישער ליטעראַטור, מוז זיין פער־

קאָמפּאַני" און ניו יאָרק

זאָרגט מיט אַ גרויסען פּערסאָנאַל, וואס זאָל בעשטעהן פון רעעלע, פּינקטליכע און פעהיגע לייט.

דעריבער וועט אויך לייסטען אונז ארבייט אלס מענעדזשער א צווייטער גוט־בעקאנטער אלס פּינקטליכער בוכהענדלער

י. רעזניק

אלזאָ, צום פּערסאָנאַל וואס „צענטראַל" האָט פּערמאָגט ביז אהער זיינען אונז צוגעקומען צוויי בעדייטענדע קרעפטען.

דאָס אלעס גיט אונז די האָפנונג און דעם גלויבען, אז סיי דאָס אידישע פּובליקום, סיי די אידישע בוכהענדלער אין גאנץ אמעריקא און קענעדע וועלען אָבשעצען אונזער גרויסע און שווערע ארבייט און וועלען העלפען אונז די העברעאישע און אידישע ליטעראטור צו פּערברייטען אין אלע ווינקלעך פון נייעם לאנד.

די בוכהאנדלונג „צענטראל פּאָבלישינג קאָמפּאַני" אין ווארשא־ווילנא־נויאָרק איז געגרינדעט, ווי עס איז שוין געמאָלדען, פון די גרעסטע פערלאגען אין רוסלאנד ווי „תושיה", „פּראָגרעס", „שרע־בערק", „שרמן", „השחר", „מענדעלע", אויך געהען אין איהר אריין די פערלאַגען „ספרות", „חנוך", „אביב" און אנדערע, אזוי אז אלעס וואס די העברעאישע און אידישע ליטעראטור האָט גע־שאַפען פאר די לעצטע יאהרען געפינט זיך אין דער בוכהאנדלונג „צענטראל", ווי עס בעשטעטיגען די העברעאישע און אידישע קאטאלאָגען, וואָס מיר שיקען ארויס פריי יעדען.

אויסער די אלע אויבענדערמאָהנטע פערלאגען, בעזיצט די „צענטראל פּאָב. קאָמפּ." אַ גרויסען פערלאַג פון:

1) אידישע קונסט־בילדער, וועלכע זיינען געשאַפען פון די גרעסטע אידישע קינסטלער, ווי אויך היסטאָרישע בילדער פון אונזערע בעליעבטע און גרויסע שריפטשטעלער, פּאָעטען און כלל טהוער. 2) אדישע קונסט פּאָסטל קאַרדס. 3) אידישע לשנה טובה קאַרטען.

מיר האָפען, אז דער גאנצער אמעריקאנער אינטעליגענטער פּובליקום וועט וויסען ווי אָבצושאַצען אונזער טהאַט, און וועט מיטהעלפען אויפבויען דעם אידישען שטאָלץ אויף דעם אמערי־קאנער באָדען. מיט אכטונג

ש. שרעבעק,

מיטגליעד און פאָרשטעהער „צענטראל פּאָבלישינג קאָמפּאַני"

CENTRAL PUBLISHING CO., 42-44 Canal Street, New York

בבית מסחר הספרים
של

ס. דרוקערמאן

50 קאנעל סט. נויארק.

נמצאים למכירה כל מיני ספרים הנוגעים לשאלות היהודים בשפת עבר ובשפת אנגלית (Judaica & Heberaica), ספרי השכלה, חקירה, דרוש, ש"ס ופוסקים. כן כל ספרי וספורי זשארגאן.

ספרי חנוך ולמוד בשפות שונות

הנקובים בכל הקאטאלאגען ובכה"ע,

כי בית מסחרנו נמצא במו"מ עם המו"ל והמו"ס במדינתנו ובחו"ל וזאת נותנת לנו היכלת להמציא כל ספר ע"פ תנאים נאותים.

גם סוכן אני לכל ספרי הוצאות החברות „אחיאסף", „תושיה". „מוריה" ו„האור" והנני שולח את הקאטאלאגען שלהם חנם לכל דורש ומבקש ואמכור את ספריהם במחיר 60 ס. בעד כל רובל

בית מסחרנו מקבל עליו לסדר ביבליותיקות שלמות בעד אלה החפצים ליסדם, לסדר קולקציות מהספרים היותר מועילים ונחוצים או ממחלקות ידועות בעד 20 % נמוך מהמקחים הרשומים בכל קטלוג שהוא; כמו כן יודיע תמיד לפונים אליו מחירי ספרים שונים, חנם.

אפשר לחתום ע"י בית מסחרנו על כל העתונים העברים והכלליים לפי מקחי הרידקציות.

גם נמצאים בבית מסחרי כל המינים השייכים למסחר הספרים העברי, כמו: טליתים, (צמר ומשי), עטרות, Bridel Bibles מכורכים בעלפאנט ביין, וגם במשי לבן (עכט עלעגאנט צו האכצייטען), תפילין, מזוזות, שופרות. לשנה טובה קארטען, אתרוגים לולבים והדסים מארץ ישראל ומשאר ארצות.

אדרעססע:

S. DRUCKERMAN
50 CANAL ST.
NEW YORK.

חלפים ממעמל או קעניגסבערג מן מתכת היותר טוב.

	נעט פרייז ס.	נעט פרייז $	פארמא ס.	פארמא $
חלף עופות 3 צאהל.	90		8	
חלף עופות 4 צאהל.	10	1	8	
חלף עופות 5 צאהל	30	1	10	
חלף דקות 7 צאהל.	90	1	15	
חלף דקות 10 צאהל	60	2	20	
חלף גסות 12 צאהל.	00	4	20	
חלף גסות 14 צאהל.	30	5	30	
חלף גסות 15 צאהל.	00	6	35	
חלף גסות 16¼ צאהל.	75	6	35	
חלף גסות 17¼ צאהל.	75	7	40	
חלף גסות 18¼ צאהל.	00	9	40	

סכינים לברית מילה (מוהל מעססערם)

	נעט פרייז ס.	נעט פרייז $	פארמא ס.	פארמא $
מוהל מעסער בעל חוד אחד מעמעל או קעניגסבערג.	50	1	10	
מוהל מעסער בעל שני חודים " " "	10	2	10	
מוהל מעסער טוב בעל שני חודים " " "	50	2	10	
כל המקחים המה כבר עם נרתיק טוב למשמרת הסכין				
מוהל מאשינקע, כסף טהור.	90		5	
מציצה גלעזליך כל אחד	15		4	

אבני השחזה (שליפשטיינער פיר שוחטים)

	נעט פרייז ס.	נעט פרייז $	פארמא ס.	פארמא $
גלאטשטיין, שווארץ. קטן.	25		10	
גלאטשטיין, בלאע שווארץ אדער גרין, טוב שבטוב.	65		20	
רייסשטיין, געלב מיטעל	10	1	20	
רייסשטיין, געלב גדול, טוב מאד.	25	1	20	
רייסשטיין. געלב, פארמאט גדול. טוב שבטוב.	90	1	35	
שארפשטיין. שחר, טוב מאד	30		20	

שוין ערשינען ! שוין ערשינען !

ד ע ר א י ד י ש ע ר

טאַשען־לאָיער

(פּאַקעט־עדישאָן)

וועלכער מאַכט אייך בעקאַנט מיט אַלע נויטיגע
אַמעריקאַנער געזעטצע, ער גיט אַייך אויך די
בעסטע אינפאָרמיישאָן און רעפרענס איבער
אַלע לאָא (געזעץ)־אַנגעלעגענהייטען

צוזאַמענגעשטעלט און בעאַרבייט פונ׳ם פעהיגען
און בעוואוסטען

לאָיער מ. סיילעם

דאָס בוך איז זעהר נוצליך פאַר יעדען אידישען
איינוואָהנער פון די פעראייניגטע שטאַאטען,
און קאָסט מיט פּאָרטאָ בלויז 20 סענט.

פיין געבונדען 30 סענט

צו בעקומען אין דער בוכהאַנדלונג פון

ש. דרוקערמאַן, 50 קאַנעל סט., ניו יאָרק

גענעראַל־פערטרעטער פונ׳ם פערלאַג „צענטראַל“
(וואַרשאַ־ווילנא־נויאָרק) פיר גאַנץ יונייטעד
סטייטס און קענעדע.

S. Druckerman, 50 Canal St., New York